טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

די פינעווער טייפ איבערגעזעצט פון אדאהאן בתוספות נופך משלי.

דאס איז נישט א דירעקטער איבערזעצונג פון בוך

**זיי זענען טייפ מענטשן וואס זיי קענען אבזערווירן מיט א קלארקייט א קאמפליצירטע זאך אדער אן אפגעזונדערטער חשדן**

א טייפ פינף ציהל וואו ער וויל אנקומען איז 'צו **וויסן אלעס וואס עס איז שייך צו וויסן**'

קוק אן א פינעווער זיין גאנצער וועזן זאגט איין זאך (איידיעל פינעווער) "**איך בין קלוג, איך בין א ידען, און יעדע זאך גייט מיט שכל**,

די פינעוורס קוקן אויס אזוינע חברה וואס נעמען אריין דעם גאנצן '**יוניווערס**' אין זייער מח

<u>דאס איז אלעס די איידיעל פינעווער</u>

אבער די געזאגעכץ פון די נפש פון א פלענע פינעווער טייפ איז

"איך קען דערגיין די גאנצע יוניווערס"

א נישט געזונטער פינעווער ווען דו קוקסט עם אן זעסטו ווי ער זאגט

"לאז מיר אליין, פארדריי מיר נישט קיין קאפ," אדער "איך מוז אלעס אויספיגערן" "איך ריר זיך נישט מיט גארנישט פאר איך האב ארויס פונקטליך וואס דא טוט צעך, אלעס מוז יעצט שטיין און ווארטן ער דארף קודם פונקטליך ארויס האבן די גאנצע זאך מיט אלע איינצעלהייטן"

איי די הויט ברענט, דו ווארט,

א פינעווער כאפט נישט אז ער איז אפשר אנגעצויגן אומזיכער אדער א קארגער

ס'קען זיין פראבלעמן מיט א פינעווער

זיך פארזיגלען פון מענטשן, זיי קענען זיין אזוינע מענטשן וואס ס'גייט זיי נישט אן וואס ס'טוט זיך ארום זיי, זיי לעבן פאר זיך אליין, אינדרויסן לעבט זיך ס'טוט זיך, קוקסט זיי אן 'גארנישט' פון אן אנדערע פלאנעט

ס'קען אויך זיין ביי א פינעווער אז זיי 'בלאקען געפילן' דאס מיינט לכאורה אז אונטערן באוואוסטזיין נישט באוואוסטזיניג וועלן זיי מאכן אז זיי זאלן נישט האבן קיין הרגשים, קאלט,

מ'קומט אהיים

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

אה! טאטי איז דא אה!

ער קוקט זיי אן

אנשטאט מיטפילן

אנעלייזד ער און ער קלויבט דאטא וועגן די ארומיגע,

מ'טאנצט ביי א חתונה, יעדער פרייט זיך, הו לעבעדיג,

ער אנעלייזד יעצט די חתן מיט די מחותנים, ער איז פארנומען, נישטא

אדער 'סעלף דענייעל'

"איך דארף נישט צופיל עסן און נישט צופיל שלאפן, ס'גוט אזוי "

איי ער וואלט אזוי געוואלט אבער

ער איז נישט קאנעקטעד מיט זיך עפעס

די אויבנדערמאנטע איז פסיכאלאגישע פראבלעמען וואס קען זיך מאכן

**חשדנים**

קוקן דיר אן כאילו האסט מיינסט עפעס קעגן זיי, אינדערצייט וואס דו ביסט סתם א מענטש,

**פון וואס האט ער בעיקר מורא**

"איך האב מורא אז איך וועל נישט וויסן וואס איך דארף וויסן און"...

אדער אז זיי וועלן ווערן צו אנ'געפרעשערט' מיט זאכן. און נישט האבן צייט צו טראכטן.

**זייער תיקון איז**

זיכערקייט, זיך זעלבסט טראסטן, און

טון אפילו זיי ווייסן נאך נישט אלע פאקטן,

זיך זארגען פאר אנדערע

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

די טייפ פינף און זעקס און זיבן זענען פון די 'טון דרייעל" באלד הסבר'ן

זייער עיקר אישו איז 'טון'

א זעקסער האט מורא צו טון אן רשות

א זיבענער איז פונקט פארקערט זיי האבן עפעס גאר א שטארקע 'דיוועלאפמענט' צו טון

די זיבענערס

אדער קומען זיי יעצט אדער גייען זיי אדער רעדן זיי אויפן טעלפאון

יו באשעפער וויאזוי שלאפן זיי איין?

א פינעווער האט אויך א פראבלעם מיט זיך נעמען טון ער מוז קודם פונקטליך וויסן די 'מציאות' פונקטליך

א פינעווער איז אסאך מער 'אינטעליגענט' ווי סתם א מענטש

ווילסט דיך פארשטעלן א פינעווער

א רואיגער דורכגעטראכטער מענטש, טעאריעס טאג און נאכט, פיליזאפירן, זיי זענען די וואס דו הערסט צומאל שמועסן אזוי פילאזאפיע שמועסן, מיט טעאריעס ,און הסברים

הונגעריג פאר ידיעות

(מטבע שטבעו חכמים, אוצר ידיעות)

לכאורה זענען די פינעווערס אזוינע וואס דרייען זיך אין ספרים סטאר, איין שעה, נאך א שעה, היינט אויך מארגן, און אויך איבערמארגען

מ'קען זיי זעהן אזוי פארטיפט אין א ספר, קוקט און טראכט

**א פינעווער מיינט אז אנשטאט טון קען מען טראכטן**

מ'טראכט מ'מאכט פלענער און ס'בויט זיך גאנצע בנינים אויף לופט, און מ'קומט אהיים "יו וואו דע געלט"

געלט האסטו געזאגט

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

ס'דא פארשידענע מינים געלט אזוי מ'קריכט ווייטער

"משה דו ווייסט אז מארגן האב איך אן אפוינטמענט ביי דר. גרונם"

ער כאפט נישט אז ס'מיינט אז ער דארף עפעס טון דא, ער אנעלייזט וואס ער הערט, ביי עם איז אלעס אין די מח

טון למעשה, וואס מיינט עס

"האסט עס שוין ארלעידיגט"

יא! איין מינוט! ניין, כ'האב עס נישט ארלעידיגט

ער איז געבליבן ביים טראכטן, אונזער פינעווערל

"קומסט צו די מסיבה, מ'מאכט א מסיבה אלע חברים"

"עה צו וואס דארף איך גיין, סתם פארברענגן און פארברענען צייט, מ'קען דאך אין די צייט עפעס לײנען און געוואויר ווערן נייע זאכן"

אדער לערנן 'ובהם נהגה יומם ולילה'

און ווען די אידענע בעהט

קום, קום צו די חנוכה מסיבה, קומט ער אן די לעצטע מינוט

די איינציגע עכט וויכטיגע זאך איז

'אינטעלעקטועל'

**אידיאלע פינעווערס** האבן א בריליאנטענעם מח, און שמועס מיט א פינעווער WOW ער ווייסט זייער אסאך

**א פינעווער איז די מערסטע וואכזאם מיטן מח**

דאס הייסט דער מח איז אויף, און ביי די ארבעט, און זיי זענען אזוי נייגעריג הו הו.

<u>די איידיעל פינעווערס</u>

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

זיי זענען זייער אינטעליגענט, זיי האבן ליב צו באקומען אינפארמעשען, זיי האבן ליב צו לערנן לשמה, נייגעריג פאר חכמה, זיי קענען לעבן אויף זייער ווייניג ,ווייניג עסן, ווייניג שלאף, וכו.'

זיי זענען נישט אין 'באריר' מיט זייער פיזישע ענווייראנמענט

דאס מיינט אז ס'קען זיך מאכן ביי א פינעווער אז אויב וועסט זיי שפעטער פרעגן צו אינעם שטיבל וואו זיי האבן געדאווענט איז געווען א געוויסע מערקבארער חפץ, וועלן זיי דיר נישט געדענקן צו זאגן.

**ס'דא טראכטן און ס'דא טיף טראכטן, און ס'דא ווען א פינעווער טראכט, דאס איז שוין נאך טיפער,**

<u>סעלף דיסציפלין</u>

שעה'ן ארוכות קענען זיי זיצן און לערנן

<u>איידיעס</u>
נייע איידיעס האלט אין איין אויפבליצן אין זייער מח, אה דאס זענען אונזערע תלמידי חכמים וואס זענען מחדש חידושים בתורה

מתבונן זאג מיר ווען דו זעהסט עפעס זעהסטו טיפקייט דארט ווי אנדערע זעהן פלאכקייט יא?

<u>הערה</u>
א פינעווער וועט לכאורה אויב אזוי כאפן שנעלער א תמי' אדער ווי רש"י קריגט זיך מיט תוספות.

אדער די חילוקים צווישן למשל אונגערישע און פוילישע, אזוינע דקות'דיגע חילוקים,

ווי אויך וועלן זיי לכאורה כאפן די סגנון הלשון פון וועלכע שאלות ותשובות ספר ס'איז. און נאך אזוינע טיפע זאכן. וואס ס'איז דא. נאר מחמת א געוועגליכער מענטש קוקט אויבערפלאכליך, און א פינעווער טויכט טיפער.

ער טויכט טיפער ווייל יעדע זאך וואס ער זעהט איז 'עמקות'.

(איך טראכט צו די אויפפירונג פון א פינעווער איז אויך מיט עמקות, דהיינו אז זיי וועלן זייערע תנועות אזוי אהערשטעלן, אז מ'קען דערין לערנן פשטים).

**א פינעווער קען אויפכאפן קליינע תנועות**

ס'איז בעקאנט, אז אזוי ווי ס'איז דא שפראך מיטן מויל אזוי איז דא שפראך מיט די קערפער, און פינעווערס אויב זיי ווילן קענען זיי אויפכאפן 'א קליינעם הייב מיט די ברעמען' וואס טוט איהם

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

מגלה זיין וואס ס'גייט פאר אינעם מח פונעם מענטש.

**זיי כאפן אויף וואס אנדערע כאפן נישט און זעען נישט.**

ללמד

פינעווערס אין די 'איידיעל' קאטאגאריע, **נעמען טיפע אינפארמאציע און זיי וועלן עס אזוי אהערשטעלן אז אנדערע זאלן עס פארשטיין**

**נארמאלע פינעווערס (אכציג פראצענט)**

מסביר צו זיין קאמפלעצירטע השגות קאסט כוחות און דערפאר **מיטעלע פינעווערס** האבן נישט קיין געדולד זיך אראפצולאזן און עס מסביר זיין פאר אנדערע מענטשן

וואס ס'געשעט עוועטועל

וויבאלד זיי האבן נישט קיין געדולד צו שטיין און מסביר זיין זייערע טיפע 'איידיעס 'און פארשטאנדיגע זאכן, האבן זיי וייניג שייכות מיטן סתם המון עם, זיי האבן זיך זייער 'גרופע'

און אז מ'זיצט אליין, הייבט מען אן צו האבן 'פאני' מיינונגען

האט איר קיינמאל נישט געטראפן איינעם וואס האט זיך זיינע מיינונגען וואס הייבט נישט צו זיין מעורב מיט דעת הקהל,
איר קוקט איהם אן צו ער וואוינט אפשר אין מדבר.

א פינעווער דרייט זיך צווישן מענטשן, און ער, ער וואוינט אליין מיט קארג מנין אין מדבר.

קויפן א טיש
פאר זיי מאכן אפ וועלכע טיש צו קויפן וועלן זיי זיך **זייער שטארק צוגרייטן אז זיי זאלן מאכן א גוטען אויסוואל**

*פון דא זע איך אז מ'מוז נאכנישט זיין קיין זעקסער אויב ס'דויערט צייט צו דעסיידן, מ'איז א פינעווער מ'דארף נאר פשוט האבן פאר זיך אלע פאקטן*

זיי ווערן אויסגעשעפט
זיי קענען אויך ווערן אויסגעשעפט ווען זיי פארברענגען צופיל מיט מענטשן, ווייל זיי באקומען אן אומגעהויערע מאס אינפארמאציע פון אזויפיל אנאליזירן און באטראכטן די מענטשן ביי די פארברענג.

ווען זיי לערנן און ליינען און גייען נאך און שטודירן און פארשן און זיי זעען איין אז "ווי מער זיי

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

ווייסן אלץ מער ווייסן זיי נישט" קענען זיי פילן פארפרוירן

יעדער מענטש דארף דאך האבן זיכערקייט, איז זיי פרובירן צו באקומען זייער זיכערקייט פון וויסן 'פאקטן'

דורכ'ן גוט דורכ'טראכטן זאכן פרובירן זיי צו ווערן מער אין קאנטראל

זיי קענען אויך "צו סך גראד מאכן" (דהיינו אסאך אויס'חשבונ'ן ס'זאל שטומען) צו פילן אין קאנטראל פון 'ריאליטי'

אדער מאכן א זאך צו קאמפליצירט ווייל זיי ווילן עס גוט אנאלייזן (א יצר צו אנאליזירן)

ס'איז אינטערעסאנט 'צו סך גראד מאכן' מוז נישט ווייזן אויף או. סי. די.

ס'קען ווייזן אויף א פינעווער טייפ

זיי זענען זייער פארנומען וואס ס'קען אלץ מיינען די זאכן וואס ס'קומט אין זייער וועג, אנשטאט צו טראכטן פון די זאכן וואס פאסירן ארום זיי, טראכטן זיי וואס ס'קען אלץ מיינען

<u>זיי דארפן פריוואטקייט</u>

זיי קוקן זיך צו פון דרויסן. זיי בלייבן 'עמאושענל' אפגעשיידט פון די זאך וואס קומט פאר. און זיי קוקן זיך צו אזוי פון דרויסן

<u>נישט געזונטע פינף</u>

**ווי וויניגער די פינעווערס טוען, אלץ מער ווערן זיין אפגעטיילט פון די מציאות**

איך טראכט יעצט אז אפשר פארשטיי איך פארוואס דער 'סטיוו דזשאבס' איז געווען אזוי אפגעטיילט פון די מענטש הייט איך טראכט נאר

<u>אין עולם הדמיון</u>

די אומגעזונטע פינעווערס קענען ווערן אזוי אפגעטיילט פון מענטשן אז זיי ווערן אפגעהאקט פון די מציאות, דמיון און ריאליטי איז אין זייער מח די זעלבע ,זיי ווערן קארג, מיט זייער געלט מיט זייער צייט מיט זייערע געפילן.

<u>האבן מורא פון קאנעקשן</u>

זיי וועלן מורא באקומען פון האבן צו טון מיט מענטשן ווייל אפשר וועלן זיי (זייער מח) ווערן

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

קאנטראלירט דורך אנדערע

פארגעסן צו עסן, וכו' לאזן נאך וויאזוי זיי גייען אנגעטון, פארגעסן שליסלעך און גלעזער, בילס, פעפערס, (איר קענט צולייגן)

ווארפן אפ א קלאפ אין ריקן, זענען נערוועז, וכו'

זיי ווערן פעסימיסטיש וכו' אלעס קוקט זיי אויס ערגער ווי ס'איז טאקע

שרעקעדיגע פאנטאזיעס,

**אומגעזונטע פינעווער'ס זענען אינ'אמת'ן אגרעסיוו נאר געווענליך ווען זיי באהאלטן די אגרעסיע כדי נישט אריינצוגיין אין מחלוקת מיט אנדערע, ווייל זיי ווילן האבן די ווייניגסטע שייכות מיט אנדערע.**

אין ערגסטען מצב, זענען זיי אוטיסטיש, האבן נישט קיין באציאונגען מיט קיינעם ,האבן מורא אז זיי וועלן ווערן פאר'סמ'ט אדער זיי וועלן ווערן פארכאפט דורך אנדערע מענטשן, און זיי ווערן 'פארברעכעריש' צו באקומען פריוואטקייט

**ווי דער פינעווער דארף גיין**

<u>פינעווער'ס</u> ווען זיי גיין מער אראפ צום גרונד (דהיינו צום אומגעזונטען עקסטרעם). ווערן זיי אביסל ווי זיבענער. די פינעווערס האבן דאך פחדים און דערפאר קענען זיי אסאך מאל ווערן אזוי 'אימפולסיוו'. טון זאכן אן טראכטן אין א פריוו צו אנטלויפן פון זייערע פחדים.

און וויבאלד זיי האבן דאך נישט דורכגעטראכט וואס זיי טוען, אדער עפעס גייט זיי נישט ווי געוואלט. ווערט זייער בליק אז דער וועלט איז א סכנות'דיגער פלאץ (וויבאלד זיי האלטן אז זיי קענען זיך נישט אויסקומען דערמיט) פארשטערקערט, אז ס'איז טאקע אזוי. וואס דאס מאכט זיי מער באהאלטן, דאס מאכט אז זיי זאלן ווערן מער נישט אקטיוו. זיי באהאלטן זיך כדי צו פארשטיין 'וואס דא טוט זיך', אבער ווי מער איזאלירט זיי זענען פון 'ריאליטי' אלץ פחדימ'דיגער און חשדנות'דיג ווערן זיי.

**די אופן וואו זיי גייען ווען זיי ווערן בעסער איז אכט .**

די ענד ציהל פאר א 'פינעווער' איז צו פירן אנדערע אין גוטע תורה'דיגע וועגן ,דערפאר, פינעווער'ס ווערן געזונט ווען זיי מישן אריין אין זיי, די פאזיטיווען אספעקט פון דעם אכטער.

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

אנשטאט צו ווערן מער און מער איינגעמאכט אין זייער לעכל, און מער א 'שפאקולאנט', ווערן זיי מער 'אינוואלווד' אין די וועלט, מער זיכער מיט מענטשן, זיי ווערן אנגענומען אלץ גוטע פירערס (נישט 4) ביי אונזער וועלט, און זיי ווערן 'רעספעקטירט' פאר זייער 'בריליאנטענע כוחות', ווי אויך פאר זייער 'שטארקייט', אבער, זיי מוזן אויך אכטונג געבן **נישט צו גיין צו די אומגעזונטע אכטערס**, וואס ביי אזא פאל קענען זיי נוצן זייער וויסענשאפט צו שטערן יענעם.

(טראכט אריין א פינעווער וואס קען לערנן און ער ווערט אזוי 'גבורה שבמלכות' אויף די נעגעטיווער אספעקט, קען ער צעקוועטשן יעדעם וואס שטייט איהם אין וועג)

(יעדער מענטש האט אזא 'באוואוסטזיניגקייט' וואס דאס ליגט איהם אויף זיין באוואוסטזיין שטענדיג אדער כמעט שטענדיג)

**די אידיאל פינעווער שטאפל אויף באוואוסטזיין**

כאטשיג סיי וועלכע טייפ אין די עניאגראם קען האבן א הויעכן איי קיו, רילאטיוו וויניג מענטשן האבן די מין "מעניק" מח וואס פינעווער'ס פארמאגן, זיי קענען אריינגעמען אין זיך קאמפליצירטע איידיעס אינגאנצן און שנעל WOW און זיי האלטן אין איין צעברעכן אלטע ווענט (דאס הייסט אלטע אנגענומענע מיינונגען) און זיי פראדעצירן נייע איידיעס, זייערע אויסטערלישע איידיעס קען ווערן פארשטיין נאר ביי געציילטע עליטע 'פון די הויכע חברה'

(איז זיץ איך 'נשמה', און איך מיין אז די לעבן איז אזוי ווי איך קוק עס אן, און ביזדערווייל איז עס גארנישט דאס, ס'איז אסאך טיפער, שמועסט זיך א פינעווער מיט אן אנדערער טייפ , דער אנדערער האט גארנישט קיין אהנונג ווי נישט ער פארשטייט וואס דער פינעווער רעדט און 'עד היכן דבריו מגיעין' **די איידיעל פינעווערס מ'קען צעדרייט ווערן פאר זייער חכמה**)

אבער, אויב זענען זיי איידיעל, טרעפן זיי אפט א וועג וויאזוי אויסצו'פשוט'ן זייערע איידיעס ,ווי למשל דורך metaphor or analogy (איך ווייס נישט וואס דאס מיינט און איך בין כמעט זיכער אז 'מתבונן' ווייסט, לכאורה א וועג פון מסביר'ן) אזוי אז די איבעריגע מענטשהייט קען אביסל שפירן דעם גוטן 'טעם'. וועלכן וואלט אנדערש געווען אומ'טועם'באר

**איידיעל פינעווערס** קענען אויפכאפן זייטן וועלכע ס'איז נישט זעהבאר פאר'ן איבעריגען עולם, זיי זעען די זעלבע וועלט וואס דו און איך זעען, אבער זיי זעען 'מאגנאטיג ערטער' שווארצע לעכער (עפעס טיפע סייענס) און די סטראקטשער פון די ען עי וכו'

**פינעווערס האבן א 'סייענטיפיק' באנעם צו 'ריאליטי'** טראסטענדיג נאר וואס קען ווערן געמאסטן און פעסטגעשטעלט דורך אביעקטיוון אבזערוואציע, (דאס הייסט דאס קוקן אויף א זאך אן אייגענע נגיעות) אדער דורך זייער אייגענער 'מהלך המחשבה') דאס הייסט אז א פינעווער וועט נישט אננעמען אז ס'איז דא א מהלך המחשבה חוץ וואס ער האט שוין מיטגעמאכט, **נאר וואס זיין מח אליין איז דורך קען ווערן פעסטגעשטעלט אז ס'קען זיך אזוי מאכן ביי אנדערע**

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

(און דערפאר קען זיין אז 'מתבונן' האט נישט אזוי שנעל אנגענומען דעם עניאגראם נאר נאכדעם וואס ער האט עס גוט דורש געווען און געטראפן אז זיי לייגן אזוי גוט אראפ דעם פינעווער מן הסתם איז דא אנדערע טייפ'ס אזוי טראכט איך וצריך להסכמתו)

**אידיאלע פינעווערס** האבן א טיף טויכענדיגער שפיר פון די הייליגער מהות פון די 'יוניווערס' אפילו אויב זיי זענען סקולאר, פארקערט איז מיטן 'מיטעלער' סקולערער פינעווערס וואס זענען אפט אטעאיסטן אדער וכו', נישט גלייבענדיג אין גארנישט וואס קען נישט ווערן אנגעכאפט און גע'הסבר'ט מיט זייער אייגענעם לאגיק.

פאר **איידיאלע פינעווערס**, די שטריך צווישן 'ריאליטי' און 'פאנטאזיע' קען זיין זייער 'דין', וויבאלד "אויב קען איך עס טראכטן, דאן קען עס זיין עכט" די 'חידושים' וועלכע פינעווערס האבן געמאכט איז אלעמאל געקומען פון 'איידיעס' וועלכע איז געווארן 'אפגעלאכט' ביי די 'איבריגער וועלט' אלץ 'נישט מציאות'דיג'. זייער מעגליכקייט צו מאכן עכט וואס אנדערע האבן געקוקט דערויף אלץ אוממעגליך איז וויבאלד זאכן וואס זעהן אויס נישט עכט צו אנדערע איז 'עכט' צו פינעווערס.

**אידיאלע פינעווערס** קענען מאכן חידושים **ווייל זיי זענען וויליג צו מסכים זיין אז זיי 'ווייסן נישט'**. דאס איז די אפענער קאפ, צוזאמען מיט זייער בריליאנטענעם קאפ און זייער מעגליכקייט צו זעהן זאכן אין א אופן וואס קיינער האט נאך נישט אזוי געקוקט דערויף. וואס האט ערמעגליכט פינעווערס צו מאכן טעלפאונען, קאמפיוטערס, מייקראוועיוו אויוען, און טויזענטער אנדערע זאכן אויף די וועלט פון 'סייענס' און 'טעכנאלאגיע'

**פינעווערס 'ענדזשויען' קאמפליצירטע געימ'ס, ווי שך.**

**פינעווערס קענען אויך 'איבער קאמפליצירן', דערליינען מער אין וואס זיי זעען אדער וואס אן אנדערער האט געזאגט ווי ס'האט באמת געמיינט,**

(ווען 'מתבונן' האט געזען די ניק 'פאמילעירעס' האט ער שוין געמאכט א גאנצע מעשה וואס ס'מיינט. אז מסתם איז ער א זעקסער ווייל זעקסער זענען פאמיליע מענטשן)
א 'ווערטל' וועגן דעם **'פינעווער' פסיכאלאג** וואס האט געטראפן א מיטארבעטער אויפן וועג, דער מענטש רופט זיך אן 'גוט מארגן' און דער פינעווער זאגט פאר זיין מיטגייער "איך וואונדער מיך וואס ער האט געמיינט דערמיט"

קודם אן הקדמה איך זעץ דאס איבער פון ענגליש אויף יודיש, און דערפאר קען עס אסאך מאל אויסקוקן ווי "דאס איז נישט וויאזוי מיר רעדן אונזער מאמע לשון "אזוי גייט עס, אין ענגליש איז די אויסדריקן אנדערש ווי די אויסדרוק וואס אנ"ש וואלט זיך אויסגעדרוקט און צו פארשטיין וואס איך האב יעצט געשריבן האף איך נאך מסביר'ן אן אנדערעס מאל

**פינעווערס** בני עלי' טון און פירן זיך אויף וויאזוי זיי האבן געלערנט, זיי ווערן א 'מאדל' וויאזוי א

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

יוד דארף זיך 'אויפפירן' אבער פינעווערס וואס זענען נישט אזוי אויסגעארבעט (נאך) זיי לערנן טאקע אלעס פיין, אבער למעשה טוען זיי נישט דאס וואס זיי לערנן.
זיי קוקן דיר אויס ווי קאלטע מענטשן נישט געפיליש, ווי זיי האבן נישט געוועגליכע געפילן פון די מענטשן, מער אזוי ווי 'שכליות נפרדים 'ווי מענטשן,

**אידיאלע פינעווערס** ,האבן ליב ווען איינער פרעגט זיי אויף אן אמת עפעס ווייל אזוי שטייגן זיי, זיי האלטן זייער 'קאפ' אפן, און האבן ליב צו נישטערן פאר נייע איידיעס. יעדע זאך האט א 'חשיבות' ביי זיי. (דאס הייסט יעדע קשיא איז ביי זיי וויכטיג אויב ס'איז געפרעגט טאקע ווייל מ'וויל וויסן און דערפאר חשוב'ר ציבור האסט הערות און הגהות אויפן סיסטעם פונעם עניאגראם פארוואס נישט דאס ארויפצולייגן אויף דעם אשכול. שרייב דיינע מיינונגען ווי אויך דיינע ספיקות, און אזוי צוזאמען קען מען ארויסקומען מיט טיפערס, מיר זענען דאך די 'עם חכם ונבון' חכמה בינה)

קיינער ענטפערט שוין נישט דא אויף מיינע באשרייבונגען, איך געדענק אבער אמאל ווען דער עולם האט מיך געגליכן און ליב געהאט און יעדער האט מיך באזונגען און בשכח'ט און יעצט בין איך אזוי עלענד דא אליין, אדער אפשר ליינט עס יא איינער, אפשר איז דא עפעס א יוד וואס 'דערקוויקט' זיך דא מיט מיינע זאכן ,אפשר

איך וויל דא זאגן אז דאס אלעס איז גענומען פון 'אדאהאן' און בתוספות נופך משלי,

עמער גיין ווייטער

**די מתנה פון חכמה**

**אידיאלע פינעווערס** זענען **אינטעליגענט** ,זיי קענען אין ווייניג צייט ווען זיי רעדן מיט א מענטש אפשאצן וואס יענער איז (נישט מיט געפיל מיט שכל) און טון וואס מ'דארף

אבער ווען פינעווער'ס ווערן אביסל **ווייניגער פון אידיאל** ווי מער אלץ מער ווען זיי רעדן מיינט מען אז מ'פארשטייט וואס זיי זאגן אבער מ'שעמט זיך צו זאגן אז "איך פארשטיי נישט וואס דו רעדסט "

א פינעווער האלט א דרשה, און ווייל ער איז נישט אזוי אויסגעארבעט אין נעמען זיין אינפארמאציע אין עס אזוי 'מצמצם' זיין און עס 'מאכיל זיין' פאר עולם ,רעדט ער און רעדט און דער עולם פארשטייט נעבעך נישט

איך בין זיכער אז איר לי' ליינער'ס (איר געדענקט נאך ליכט שטראלן) וועלן געדענקן ווען 'פינעווערס' האבן געהאלטן דרשות און איר זיינט געזיצן און געשאקלט מיטן קאפ און נישט פארשטאנען קיין אייןווארט,

די זאך פונעם אויסהערער איז צו קענען נאכפאלגן די מחשבות פונעם 'דרשן'. (און דערפאר

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

טאקע הייסט מען בחורים זיך פארקוקן דעם שיעור,) אבער צומאל איז אוממעגליך דאס צו טון, די מהלך המחשבה פון 'דרשן' און מהלך המחשבה פון 'באנק זיצער' איז ווי פון דיר ביז...(שטעל אריין א ווארט)

פינעווערס קענען נעמען למשל א 'זאך' וואס אויבערפלעכליך קוקט עס אויס ווי א **פשוטער זאך** און זיי מאכן דערפון צימעס, זיי לערנן אריין טיפע פשטים מיט טיפע מיינונגען וואס סתם א מענטש וואלט קיינמאל געלערנט אזוי דערין.

יעצט לי' ליינער טראכט און פרוביר דיך אויס'משל'ן און וואספארא וועלט דער פינעווער לעבט, ווען אלעס מיינט עפעס, דו באמערקסט עפעס א 'מערקווערדיגער 'גלאנץ אין זיינע אויגן, ווי כאילו עפעס איז דא נישט גלאטיג, נאך אפאר ס'קונדעס שמועסן און די אויגן זענען כאתמול, דו ווילסט וויסן וואס דא איז געשען. ער האט געהאט עפעס אפגעלערנט אין דיינע 'תנועות' (יא אין תנועות לערנן זיי פשט) אז עפעס האסטו קעגן זיי, במשכ'ן שמועסן זעהט ער אז ביסט גוט מיט איהם, אוקעי. דאס איז נישט דוקא זעקס, פינעווערס זענען אויך גרויסע חשדנים, ווען ער פארציילט דיך זיינע חשדים, טראכסטו ביי דיר "איך האב געזאגט איך האב געמיינט, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן" אה זאגט דער פינעווער מיט א שמייכל, ווייטער א קרבן פון מיין 'טיף אפלערנן '

**געדענקט פינעווערס - א פשוטע שמועס איז נישט קיין גמ', לערן נישט דערין פשטים, און ווער רעדט פון א בליק-**

למשל אדאהאן ברענגט א מעשה:

"כדי צו קענען מיין 'יוניווערסיטי טעסט', האב איך געדארפט נעמען אן אויסטערלישער שווערער 'רעכענן קלאס. 'חשבון' איז אלעמאל געווען מיין שוואכסטער זאך. אסאך פון אונז אין די קלאס זענען געווען גוט נערוועז און אנגעצויגן ביז די **אידיאלער פינעף** טיטשער איז אנגעקומען און אויסגערופן, 'מיין ציהל איז אז יעדער איינער פון דא אין קלאס זאל באקומען אן A. אויב נישט איז עס מיין 'דורכפאל", נישט ענקערס! די סימן פון א גוטע טיטשער איז ווען יעדער איינער באקומט א גוטע אויסצייכענונג. מיין ארבעט איז זיכער צו מאכן אז יעדער איינער פארשטייט וואס מ'האט געלערנט' מיר אלע האבן 'רילעקסד' און ס'איז געווען אזוי געשמאק צו לערנן .וכו' די גאנצע ביישפיל וגו'

נאך איין מעשה "איך בין געווארן אזוי 'געספויעלט' ביי מיינע פינעווער טיטשערס, זיי זענען געווען אזוי טיף און די לערנן איז געווען פיל מיט סיפוק אז איך בין געווארן אומגעדולדיג און לאנגווייליג ביי אנדערע, אלץ א **פיר** ,האב איך נישט אייביג געקענט נאכגיין זייערע קאמפליצירטע 'מהלך המחשבה 'אבער איך האב הנאה געהאט זייענדיג אויפגעהויבן אין א פאלאץ וואס איך אליין קען נישט דערגרייכן.

יארן, יארן, יארן, וועט א פינעווער נאכגיין אן אנטוויקלונג פון אן ענין און זוכן דערויף אן ענטפער, אסאך מאל קען מען טרעפן 'תלמידי חכמים' יארן יארן וועלן זיי נאכגיין א פראבלעם א שאלה וכדומה, יארן יארן "פאר פינף און צוואנציג יאר צוריק איז מיר שווער געווען די קשיא, מ'זעהט

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

דאך אין די פוסקים... און יעצט האט מיר דער אייבערשטער ענדליך צוגעשיקט עפעס א ספר און איך האב געטראפן די ריכטיגע תירוץ דערויף ,זיי האבן אזא געפיל וואס אן אמת'ע גוטע תירוץ אויף אן ענין איז. **און זיי וועלן נישט זיין באפרידיגט מיט סתם אן ענטפער, זיי וועלן ענדיגן מיט וצ"ע אדער מיט ודו"ק** (מיין כוונה מיינט נישט קיינעם) און זוכן און זוכן ביז זיי וועלן זייער תירוץ טרעפן. נאכאמאל י-א-ר-ן... וועלן זיי עס נאכזוכן

מעשה" :ביי די דריי יאר, האט מיין 'פינעווער' יונגעל שוין געליינט און שוין געדענקט 'פסוקים' פון תורה און ער האט געפרעגט אזוינע קשיות וואס האט מיר איבערראשט, און דערשטוינט זיין רבי. און וויפיל ביכלעך ער האט באקומען איז איהם נישט גענוג געווען (איינער גייט עס ליינען און שמייכלן?) **און אלעמאל הונגערט ער אויף נאך און נאך ידיעות.** זיין רבי זארגט זיך אז ער איז אזוי ערענסט און ער שפילט זיך נישט ווי אלע קינדער אין חדר. אבער ס'איז ווייל ער איז פשוט נישט אינטערעסירט אין גארנישט חוץ לערנן."

ווען די סארט קינדער ווערן נאר אביסל עלטער, ווערן זיי אזוי 'עקסייטעט' ווען זיי דארפן טרעפן תירוצים אויף שווערע חידות. זיי וועלן פרעגן די 'דעת' פון פילע רבי'ס, שמועסן מיט זיי אזוי ווי גרויסע מענטשן און דאן אויפקומען מיט אייגענע 'חידושים'. זיי ווילן וויסן אלעס.

מעשה: **ווייל מיין טאטע איז אזוי קלוג, האט ער געפילט א שטארקע חילוק צווישן איהם און כמעט יעדן איינעם, אריינגערעכנט אויך מיך.** ער האט דוקא געמאכט צייט פאר מיר, ווייל ער איז געווען א זארגפעלטיגער מענטש. זייער זעלטן געווען פאר איהם צו טרעפן א מענטש מיט וועם ער זאל קענען שמועסן.

(אין אמת'ן איך טראכט נאר, אז דער פינעווער דארף וויסן אז פון יעדער מענטש קען מען לערנן דהיינו ווען מ'שמועסט מיט איינעם קען מען דערגיין אזויפיל נייע זאכן וויאזוי א מח ארבעט און וויאזוי 'שפראך 'ווערט ארויסגערעדט פון מויל וכו')

**אנדערע מענטשן געדענקט**

**אידיאלע פינעווערס** קען זיין אז זיי ענדזשויען צו פארברענגען מיט מענטשן, אבער זיי האבן נישט ליב א מענטש וואס איז "געפיליש אנגעהאנגען, און נויטיגן זיך אין געפילישע פארבינדונגען" אויב ביסטו אזוי איין מענטש וואס איז 'אנגעוואנדן און נויטיגדיג אין געפילען' וועלן 'פינעווערס' אוועק וואקן פון דיר אזוי אינמיטן רעדן ,מעשים בכל יום, אדער פלוצלינג זענען זיי נישטא, זיי האלטן דיר נישט ביים געבען דיינע געפילישע געברויכן, "איך בין זייער פארנומען, איך יאג מיך, ממש איך בין אזוי הונגעריג",

אינטערעסאנט אז ווען א מענטש וויל ענדערש טראכטן דאס הייסט ער וויל זיין אין חלק ה'שכל" קען ער זיך זייער שווער אראפלאזן צו 'עולם הגעפילן' און שפייען געפילן ווייל יענער דארף יעצט , ס'איז אזוי שווער, מ'פילט ווי יעדער שטיקל געפיל ציהט ארויס די כוחות ,

יעצט פארשטיי איך שוין אסאך 'געפילן' וואס איך גיי אדורך בשעת'ן שמועסן מיט מענטשן, די

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

פלוצלינגדיגע 'קורצשלוס' וואס ווערט אינמיטן א שמועס וואס דער 'פירער' שפירט אז אט אט גייט קומען אזוינע גוטע פארבינדונגען און 'געפילן' פונקט דאן אנטלויפט עס, און יענער ווערט 'קאלט'. **געבן געפילן גייט איהם נישט גרינג,** איז וואס טוט מען, דער פירער דארף דאך געפילן, הייבט ער אן צו פגע'רן און פגע'רן, נישט דוקא א זעקסער פגע'רט א פירער פגע'רט אויך, ער דארף די געפילן, עמער נאך אמאל צוקומען דערצו.

איך טראכט אפשר אן עצה צו ווערן קאלט צו יענעם און יענער דארף געפיל גיט ער געפיל וחוזר חלילה והשם הטוב יעזור

**די באוואוסטזיין פון אינמיטנ'דיגע פינעווערס (אינמיטן מיינט זיי זענען צווישןביידע עקסטרעמען, נישט אידיאל און נישט אונגעזונט)**

די שטארקייט פון א פינעווער איז, זייער מעגליכקייט צו 'אבזערווירן און צו 'אינוועסטיגעטן .' פינעווער גייען אראפ **ווען זיי הערן אויף צו אבזערווירן די 'אמת'ע פאקטן'** און זיי הייבן אן זיך צו פארלאזן אויף זייער אינעווייניגסטע לאגיק, און שפאקולאציעס, אן זיכער מאכן און נאכגיין צו זעהן אויב זייער 'אפלערנונג 'איז ריכטיג, אויב ס'איז טאקע אזוי אין מציאות.

א פינעווער דארף זיך פרעגן "איז דאס טאקע אין מציאות, איז דאס טאקע אזוי ווי איך האב אפגעלערנט דאס זעענדע"

ווער ס'האט עס געליינט און הנאה געהאט זאל ביטע עפעס הערה'נען, הערות איז די גאזאלין, אדער קען זיין אז געז קאסט טייער

איך נעם די מייק אין די האנט, נאכן אויסקלארן די האלז, שכח פאר 'ראשית' (דא פייפט אביסל די מייק, איז איך הייב אן נאכאמאל, פאר ראשית) און פאר יעדער איינעם וואס ליינט, ויהי רצון שיצא מתחת ידי רק קידוש השם.

ס'איז אינטערעסאנט צו 'ציטירן' שטיקלעך אדער שטיקער 'אדאהאן' איך טראכט אלעמאל אז פיל זאכן וואס גייען אדורך אינעם נפש פון איטליכן, ווערן קיינמאל נישט דאקומענטירט, די אלע תלאות וואס יעדער מענטש גייט אדורך נישט דוקא 'שווערע צייטן', נאר פון ווען מ'שטייט אויף צופרי ביז מ'לייגט ענדליך אריין דעם 'נושא' אין בעט אריין 'מיט א הפענונג אדער אן קיין מחשבות כלל וועגן דעם מארגענדיגען טאג .'

איך לעב טאקע אויף דער וועלט, און ארום מיר לעבן דאך נאך מענטשן וואס היינט גייען זיי אדורך דאס וואס איך בין דורך צוויי יאר צוריק אין יענעם 'קאלערדיגן' דינסטאג פאר נאכט. איז איך האב נישט דאן דאקומענטירט מיינע געפילן, (איך טראכט צו ס'איז אפילו מעגליך צו דאקומענטירן, איז מעגליך צו דאקומענטירן דעם 'געשמאק' פון די חלות שב"ק פרשת מטות, אבער עפעס דאקומענטאציע וואלט שוין מעגליך געווען). אזוי גייט עס, שווער זיך ארייננצולייגן אפילו אין די אייגענע מצב פון אייערנעכטן.

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

"יא ,איך ווייס וואס דו מיינסט", זאג איך צו פאר יענעם וואס איז מיר מסביר זיינע דורכגייען, "איך בין עס אויך דורך, איך האב אויך בר מצוה געהאט. "איך ווייס וואס דו מיינסט. אבער צו געדענק איך טאקע וואס איך האב דאן געפילט. אסאך מאל הערט מען עפעס אן אלטער טעיפ, וואס מ'האט געהערט מיט א צעהן יאר צוריק ,און ביז היינט האב איך געמיינט אז איך געדענק וויאזוי איך האב 'געפילט 'פאר צעהן יאר צוריק, מ'הערט דעם טעיפ, און מ'פרירט פון געפילן, וואס לערנט מען זיך ארויס דערפון? איך ווייס נישט יעצט אויף די מינוט.

ווי מער א פינעווער שפעקולירט און 'טעארייזט', (דהיינו ער מאכט טעאריעס, שיטות וויאזוי זאכן זענען, און וויסן קלאר אז ס'איז טאקע אזוי) פאבריצירן זיי מער און מער 'קאמפליצירטע' איידיעס, אפשאצונגען מיינונגען און טעאריעס. **מיט יעדער נייע השערה מיט יעדער אויפגעקומענע סברא, זענען זיי נישט זיכער צו ס'איז טאקע אזוי אדער ס'איז נאר 'געטראכט'**. דאס איז גורם דאס וואס ס'איז באקאנט אויף 'פינעווערס' אז ער איז נישט 'דאהי'

א פינעווער ווייסט מען שוין, איז אלעמאל 'דארט', כמעט דא, אבער נישט דא ממש, ער איז נישט 'קאנעקטעד' צו די ערד עפעס. ער איז דארט אהינציער. קוק ביי א חתונה אויף די אלע מענטשן וואס טאנצן, וועסטו גרינג באמערקען א 'פינעווער'. דו וועסט זעהן איינער וואס יא ער טאנצט אבער פונקט א טפח העכער פון די 'ריאליטי ,'כמעט כמעט דאהי. דו ווילסט איהם זאגן "העי הערסט מיך" " יא יא איך הער איך הער" און ער הערט טאקע שוין איינמאל .

האסט שוין אמאל געטרייט צו טשעפן א פינעווער. ס'רירט איהם נישט אן געהעריג. איז לאז איהם אפ, פייניג נישט וואס קען ער טון ער האלט אינמיטן ארבעטן אין די בעקראונד. לאז.

בקיצור **פאר'מח'טע חברה** די רעפוטאציע (נאמען) האבן זיי זיך אויפגעבויעט, די מיטעלע פינעווער'ס.

ווען דו גייסט רעדן צו א פינעווער, מאכסטו אלעמאל אזוי 'אינסטינקטיש' (דאס הייסט פון זיך אליין, נישט טראכטענדיג) זיכער אז ער איז דא, זאגסט איהם "קום אהער" כאטשיג ער שטייט נעבן דיר.

אן אנדערער פראבלעם האבן זיי אז אין די רגע זיי 'פאוקעסן' זייער 'אטענשען' אויף עפעס סיי וועלכע זאך, **נעמען זיי אריין אין זיך א וועלט פון אינפארמאציע**, אז זיי קענען קוים מיטהאלטן מיט די 'שטראם' פון איידיעס וואס קומט אריין צו לויפן אין זיי. במילא סתם א געווענליכער מענטש קען נישט אויסהערן זייערע דרשות. זייערע טיפע הסברים.

מעשה: פאר א געוויסע פראיעקט, האב איך געשריבן דריי הונדערט 'בלעטער' אויף גאר א קאמפליצירטע ענין און איך האב עס געגעבן פאר מיין 'פינעווער' טיטשער, צוויי שעה שפעטער, רופט ער מיר אריין אין זיין אפיס עס דורכצושמועסן. ער האט שוין אלעס געליינט, ער האט עס שוין דורכגעטראכט מיט זיינע אייגענע מחשבות, און ער האט שוין א קאמפלעטע קריטיק אויף די

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

אינפארמעשאן. ער האט אפילו געדענקט די 'מיינונגען' פון יעדעס ווארט וואס איך האב גענוצט אין אן אנדערן שפראך וואס ער האט נישט געקענט, ער האט מיר אנגעוויזן אלע זאכן וואס שטימען נישט מיט די וועג וויאזוי איך טראכט, און אויך יעדן ענין וואס איך האב פארנאכלעסיגט צו 'אדרעסירן'. איך בין געווען אזוי דערשטוינט, איך בין געווען אזוי איבערגענומען דערפון אז איך האב אפילו נישט געקענט ענטפערן, איך בין פשוט פארפרוירן געווארן אונטער זיין שארפן בליק, און איך האב מיך געפילט ווי דער גרעסטער 'דאממי' אויף דער וועלט (דער פאר איז דער ענין פון לערנען פון קלוגערע פון מיר, און דאס מיינט זיך אויסלערנען א דרך הלימוד, די דרך פון די תלמידי חכמים, וויאזוי זיי 'פארשטייען' א שטיקל גמ' וויאזוי זיי 'לערנען אפ' א רש"י וכן יותר )

בעת 'אידיאלע פינעווער'ס' ווייסן אז א מענטש קען נישט אלעס וויסן, און וויפיל מ'ווייסט, זעהט מען אז מ'ווייסט נישט, און מ'וועט קיינמאל נישט קענען זיין אינגאנצן קלאר 'על בוריה' **זענען אבער 'אינמיטן פינעווער'ס' אין א קאמף פאר קלארקייט**, דהיינו צו וויסן אויף זיכער און מיט א זיכערקייט יעדעס ענין,

(איך שוין דעם פינעווער ווען ער האט זיך אנגעשטויסן אין בחירה וידיעה קשיא, וואס ס'איז זייער שווער צו קומען על בוריה ממש, מתבונן איך ווייס דו האסט עס קלארער ארויס)

און דאס אז זיי ווילן אלעס וויסן קלאר מאכט זייער שווער פאר זיי צו מאכן א 'באשלוס', אפילו זיי באקומען מער און מער פאקטן, **פילן זיי דאך אז זיי ווייסן נאכנישט גענוג גוט צו קענען טאקע 'טון' אנטשלאסנערהייט**

"נו טאטי האסט עס שוין געקויפט" "ניין, אבער היינט האב איך גראדע געטון דערין, און איך בין געוואויר געווארן עפעס **מער נייעס דערוועגן** און..." "בקיצור וואס זאל מען קויפן, שוין באלד עמער זעהן, עמער זעהן, איך דארף מיך נאך מער נאכפרעגן, געב מיר צייט"

**זיי טראכטן אז מ'קען אלעמאל געוואר ווערן נייע זאכן און נייע נייעס וועגן די זאכן, פאר מ'טוט דארף מען טראכטן ניין**

א זעקסער וואלט געענטפערט "איך האב נאכנישט געפרעגט מיין טאטען"

אדהאן גיט אייביג א VOH דאס הייסט אין יודיש וואס מ'דארף זיך איינ'חזר'ן צו טון, ס'זאל ווערן די געוואוינהייט

**איך מוז באשלוסן און טון לויט די אינפארמאציע וואס איך ווייס יעצט, ווייל אויב איך וועל אויפהערן צו טון וועל איך פארלירן מער און מער מיין 'זיכערקייט 'און דאס וועט מיך שטופן מער אראפ, וואס וועט מאכן איך זאל נאך ווייניגער טון**

פינעווער זענען נאטורליך 'פרושים' נאך דערצו אויב זיי זענען 'אינטראווערטעד', זיי קענען לעבן אויף זייער ווייניג, און זיי לייגן זייער ווייניג קאפ צו זייערע קליידער, און אלעס ארום, וואס עס מאכט אויס ביי זיי איז די 'מח'. די 'שכל' איז דער עיקר, דאס איז דער עיקר, די קערפער, נע

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

"ס'מאך ניט אויס" אפילו זיי האבן טאקע שטארקע פיזישע חשק, זעען זיי דאס אבער ווי א זאך וואס שטערט די עיקר.

איך גיי עס פרובירן צו מאכן ווי מער געשמאק

סיסטעם אלץ ריאליטי (באלד פארשטיין)
**זיין זייער שטארק נייגעריג אויף יעדע זאך איז דער אונטערשריפט פון יעדער 'אידיאלער פינעווער.'**

ווען **'פינעווער'ס** גייען אראפצו, וואקסט זייער אומזיכערקייט און **זיי פארלירן זייער 'אפענער קאפ (OPEN MINDED)' און דאס באטראכטן די וועלט פנים אל פנים .**

אנשטאט דעם פעקלן זיי זיך אריין מער אין זייער אייגענעם 'געדאנק ,'און זיי פראדעצירן פלא'דיג אסאך אינפארמאציע צו שטיצן זייערע איידיעס ,וואס ביי זיי אין קאפ עקזיסטירט עס שוין אין מציאות.

זיי פרובירן צו פארווייניגערן זייער אנגעצויגענקייט דורכ'ן צאמשטעלן סיסטעמען און טעאריעס וועלכער טוט ערקלערן ריזיגע עספעקטס אויף ריאליטי, **כדי דערמיט צו פילן כאילו זיי האבן כאטשיג עפעס דערגרייכט אין פארשטיין עולם ומלואו.**

למשל ,פילאזאפן, מארקס, פראוד, העגעל, און היידעגער, האבן מיט א זיכערקייט אראפגעשטעלט שיטות און טעאריעס וואס זיי האבן געהאלטן טוט מבאר זיין די נאטור פון די וועלט און וויאזוי די מענטשהייט ארבעט, אויב האט זיך איינער דערוואגט צו אנווייזן פאקטן וואס טוט צונישט מאכן זייער אידעאלאגיע, איז די אינפארמאציע געווארן איגנארירט אדער אוועקגעמאכט, און זייערע בעלי פלוגתא זענען באטראכט געווארן ווי פאררעטער אדער אז זיי זענען נאריש און זיי פארשטייען נישט די עמקות פון די זאך.

היינט דאכט זיך איז דא ווייניג וואס האלטן נאך פון פרויד.

ווען **פינעווער'ס** פארהאקן זיך פון די וועלט און זיי פארפאנצערן זיך אונטער זייער אייגענע אויפגעמאכטע שיטות, הייבט אן דער דרויסענדע וועלט פון מענטשן און איידיעס פילן פאר זיי דרויענדיג און דאס מאכט אז זיי זאלן זיך מער באהאלטן און מער מורא האבן צו טון און זייער געפיל פון אומזיכערקייט ווערט שטערקער.

(בקיצור פינעווערס קענן אויך אין א געוויסע דרגה פילן אומזיכער, אבער זיי גייען קיינעם נישט פרעגן. אנדערש ווי דער זעקסער וואס זוכט מיט לעכט א געטליכער זאל איהם פארזיכערן, אבער נאר דער אייבערשטער קען עכט פארזיכערן)

מעשה: "ס'פלעגט זיין ביי מיר אז ווען איך פלעג קומען צו אן החלטה על איזה דבר שהוא, פלעג איך פשוט צושטאפן מיין אויער אויב האב איך געהערט אז אן אנדערער בחור רעדט פון 'די'

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

נושא, **איך האב אפילו נישט געוואלט 'הערן' וואס ער זאגט**, איך האב געמיינט אז דאס איז די וועג צו ווערן מער זיכער און זארגלאז .אבער איך בין געווארן מער איזאלירט פון מענטשן, פון די וועלט .היינט שטופ איך מיך ממש צו הערן וואס יענער האט צו זאגן, און געטרויען אז איך קען נוצן מיין אייגענעם שכל ארויסצונעמען פון יענעמס ווערטער נאר וואס איז מיינונגספול. און אויב א נייע איידיע וואשט אוועק מיינע אלטע טעאריעס ,איז עס א סימן אז די פריערדיגע טעאריעס איז געווען נישט גילטיג צו גיין דערמיט. און אזוי איז אויך גוט, ווייל איך ווייס אז טעאריעס איז נישט ריאליטי.

*(איך פרוביר די מערסטע וואס איך קען, אפשר מיט די צייט וועל איך בעסער קענען ,ווען איך וועל מיך דערגרונטעווען אין די אופן וויאזוי מ'טוט טרענסלעטן פון ענגליש צו יודיש און ס'זאל זיין ווי א יודיש טראכטענדער האט דאס געבוירן , און ווי אויך איך האף ס'איז נישט באררררינג)*

**כדי צו בלייבן געזונט, וועל איך זיך האלטן אפן צו נייע איידיעס, (פארשטייט זיך הכל אויב ס'איז נישט פארקערט כפי המקובל לנו)**

למשל ,כדי זיך מתענג צו זיין מיט די עניאגראם אויף א געזונטן אופן, דארף זיין אז מ'זאל דורכזיפן די אינפארמעשאן, מקבל זיין דאס וואס איז נוגע און אוועקווארפן דאס וואס נישט.

אבער ס'איז זענען פארהאן צוויי נישט געזונטע 'ריאקציעס'

א') צו באטראכטן דעם עניאגראם ווי איין שטיק שטות.
ב') עס צו באטראכטן ווי דאס איז די איינציגער וועג וואס טוט מסביר זיין אויפפירונגען פון מענטשן.

ביידע טייפס זענען 'פלאטשיג' מיט זייער גאנג, און זענען 'מאטיוועטעד' דורך פחד, און נישט דורך די רצון צו פערשטיין.

(איך פיל מיר אביסל ווי א נארעלע נאכצוקאפירן יעדעס ווארט, אבער וואס זאל איך טון איך וויל עס שטודירן און גוט פארשטיין, און אזוי קען איך עס בעסער פארשטיין, ווי אויך וויל איך אז מ'זאל דאס לייגען און די איבעריגע טעמים פארוואס איך טו עס וועל איך געוואר ווערן מיט יארן ארום בעזהשי"ת)

לדוגמא:מיין **קאנסערוואטיווער פינעווער דאקטער** (קאנסערוואטיוו = האלט זיך מיט זיינע מיינונגען) האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט וועגן 'אלטערנאטיוו עצות' זיך אן עצה צו געבן מיט מיין בויך פראבלעמען, ער האט מיר געזאגט אז ווייטעמינען איז א שאד יודיש געלט און אז דייעט האט גארנישט צו טון מיט געזונט. איז איך האב באשלאסן צו הערן אויך א צווייטענ'ס דעת . איך האב טאקע געטראפן א מער אפענעם דאקטער, וואס האט גע'עצה'ט נישט צו עסן פראצעסירטע עסן און הערב'ס. איך האב איינגעזעהן אז די פריערדיגער דאקטער האט זיך געוואלט האלטן צו זיינע 'טראדישענעל' (טראדיציאנאלע) שיטות, ווייל אויב ער איז מסכים אז אן אנדערעמ'ס שיטה האט עפעס 'יש דברים בגו', וואלט עס צעשטויסן זיין גאנצער אמונה און די

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

גאנצער סיסטעם פון מערב וועלט מעדעצין. איז, ער האט געדארפט באוואכן זיין געפיל פון זיכערקייט דורכ'ן אוועקמאכן די ווערד פון סיי וועלכע נייע שיטה.

**דאס זוכן פאר אבסעלוט זיכערקייט ברענגט צו א דורכפאל**

למשל :איך האב מיך אויסגעלערנט אז ווען איך הייב אן צו פילן אנגעצויגן ווייל איך פיל אז איך ווייס נישט גענוג, איז עס מיין סימן אז איך זוך א שטאפל פון זיכערקייט און קלארקייט וואס איז נישט מעגליך צו האבן. דאס אריינטעמען אין זיך אסאך פאקטן וועט מיר נישט מאכן פילן זיכערער, און מער איבערצייגט. איך קען נאר אריינעמען א קליין חלק פון דעם אייבערשטענ'ס חכמה

**איך אקצעפטיר צו זיין נישט אינגאנצן קלאר, אבסאלוט פארשטיין מיינט אבסאלוט וויסנשאפט וואס ס'גארנישט מער ווי אבסאלוט אראגאנץ**

**טעריטאריע**

פינעווערס דארפן זייער אייגענעם 'ספעיס', וואו קיינער איז נישט ערלויבט צו אינוואדירן אן זייער בפירוש'ן רשות, אפילו אידיאלע פינעווער קענען ווערן זייער אנגעטרעטן אויב זייער 'ספעיס' ווערט געבראכן, למשל ווען א קינד, אדער בן זוג אדער מיטארבעטער גייט פלוצלונג אריין אין זייער 'ספעיס.'דערפאר איז אן אייגענעם שטוב אדער א קליין אפגעטיילט קארנער זייער וויכטיג ביי די ארבעט און אינדערהיים.

**'אינדערמיטן פינעווערס'** זענען נוטה צו ווערן 'אומעטיג' און 'קריטיש' ווען זיי דארפן ווייטקייט. כאטש זעלטן ווערן ווילד, קענען זיי ווערן עקסטרעמליך באקראצט און זיי וועלן זיך איינוויקלן אין זייער אינערליכער 'ספעיס.'

למשל: "איך האב מנוחה ווען ס'איז נישטא קיינער וואס זאל מיך שטערן. ווען די צוויי מיט ארבעטער האבן זיך נישט גוט געפילט און זיי זענען נישט דארט געווען, האב איך געזען אז איך האב געקענט ארבעטן דאפעלט אזויפיל וויפיל איך האב אלעמאל געארבעט. מענטשן וואס קומען אריין שטערן מיר זייער, זיי קומען אריין און צווינגען מיר זיך צו באטייליגען מיט די וועלט. איך האב ליב צו האלטן מיינע געדאנקן ביי מיר. איך האב נישט ליב די געפיל אז מענטשן זענען נייגעריג אויף מיר, שלעפן פון מיך, ציען ארויס מיינע כוחות, אויב איך וויל זאגן עפעס אזאך וואס איך טראכט ,קען איך זיי זאגן ווען איך וויל און זאגן וויפיל איך וויל, וויאזוי איך וויל"

למשל: "ס'איז זייער שווער פאר מיין מאן אז **מענטשן זאלן זיין אין זיין פערזענליכן 'ספעיס .'** ווען געסט קומען, איז ער זייער וואויל צו זיי, וואך, און באטראכטענדיג ,באמערקענדיג אלעס, אבער דאך אוועקגעריקט פון די גאנצע טאראראם. אויב א ספעציעלער רעדעוודיגער מענטש קומט וויזיטן, וועל איך אפילו אנזאגן דעם מענטש זאל זיך נישט נעמען צום הארצן זיין שטילקייט. ס'איז געווען זייער שווער פאר מיר זיך צוצוגעוואוינען צו זיין מהלך החיים, ווייל איך קום דאך פון

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

א ווארימע פאמיליע מיט אסאך געסט, איז איך האב מסכים געווען צו האבן געסט נאר פון צייט צו צייט אויף ווייניג צייט. דאס שטערט שוין נישט אזוי שטארק.

די פינעווער קינדער (פון היינט און ווייטער וועט איר זיי טרעפן איבעראל), א סך **אינצווישן** און אויך **אומגעזונטע** פינעווער'ס ,<u>געדענקען</u> די געפילן וואס זיי האבן געפילט ווען זיי זענען געווארן 'אינוואדירט' דורך איבערהיטנדע אדער אינוואזיגע עלטערן ווי זיי האבן זיך געפילט מאכטלאז . דעריבער האבן זיי זיך אויסגעלערנט **צו פארפאנצערן זייער 'ספעיס'** פארזיכטיג און זיך 'באשיצן פון די נאנקייט' וועלכער זיי האבן אנגענומען אלץ א געפאר.

ביישפיל: "מיין טאטע איז געווען א קאלטער און א גרויזאמער **אכטער** ,מיט א בריליאנטענעם **פינעווער** זייט. ווען איך האב אויסגעדרוקט אן איידיע, האט ער מיר געזאגט אז ס'איז סטופיד. <u>איז איך האב ארומגעבויעט א מויער ארום מיר, איהם אפצוהאלטן פון ארייננקומען אין מיין געדאנק און עס קאנטראלירן.</u> איך האב מורא געהאט צו לאזן איינעם ווערן צו נאנט צו מיר, מורא האבנדיג אז דאן וועל איך זיין אנטבלויזט צו זייער טריצונגען אדער זיי זאלן מיר קאנטראלירן אויף עפעס אן אופן. איך האב אלעמאל נישט געלאזט אז איינער זאל וויסן וואס איך טראכט . האלטענדיג מענטשן אינדרויסן פון מיין 'ספעיס' האט מיר געמאכט פילן זיכערער .איך פלעג פארגעסן צו שלאפן און צו עסן אדער צו טוישן מיינע קליידער. איך בין קיינמאל נישט געגאנגען צו קיין 'געזעלשאפטליכער פארזאמלונגען'. איך וואלט ווען געווארן מער איזאלירט ווען נישט מיין עזר וואלט מיך געשטופט צו גיין צו א טערעפיסט. ער האט מיר געהאלפן צוריק אריין צו קומען אין די וועלט. איך האב מיך אויסגעלערנט זיך נישט צו לאזן טרעטן, און זאגן מיינע איידיעס. צוביסלעך בין איך איבערגעקומען מיין פחד אז מענטשן פרובירן מיר צו קאנטראלירן אזוי ווי מיין טאטע האט. **אויב מענטשן שטומען נישט איין מיט מיר, פיל איך נישט ווי א טאטאלער אידיאט.** איך בלייב אפן און איך קוק אפשר איז דא עפעס אזאך וואס איך קען מיר ארויסלערנן פון דעם, אויב נישט קען איך אפשטויסן זייערע איידיעס. **איך דארף מיך נישט איזאלירן זיך צו 'מגין זיין 'פון איידיעס**. איך געטרוי מיר אליין אז איך קען דורכזיפן מערסטענס וואס איך הער און ליין. אויב בין איך נישט זיכער קען איך מיך אלעמאל דורכרעדן מיט א רב".

ביישפיל: "אלץ קינד, פלעג איך אלעמאל טראכטן אז איך בין 'אומזעהבאר' אבער 'איך' קען יא זעהן און 'אבזערווירן' וואס ס'גייט פאר. א רואה ואינו נראה. אזוי האט זיך מיר געפילט זיכער ווען איך בין געווען קליין, אבער ווי איך בין געווארן עלטער, האב איך אנגעהויבן צו פילן אז עפעס שרעקליך גייט פאר מיט מיר, ווייל איך האב מיר געפילט אזוי ווי א מלאך ,באבאכטענדיג די וועלט מיט מיינע אויגן, **אבער נישט פילענדיג ווי א חלק דערפון**. די אנדערע חבר'טעס אין סקול האבן געמיינט אז איך בין נארמאל, ווייל איך האב מיך אויסגעלערנט אנצוטוהן א פאלשע שמייכעל כדי איבערצולעבן. אבער אינעווייניג, האב איך געהאלטן מיינע סודות ביי מיך - אז איך האב נישט קיין 'פערסאנאליטי', אז איך בין אין דער וועלט נאר אלץ א פאר אויגן, אלץ א קאלטער 'ראציאנאלער' אבזערוווער, א באאבאכטער, אלעמאל באבאכטן. געלויבט דער באשעפער, אז איך האב געטראפן דעם עניאגראם און איינגעזעהן אז איך בין א נארמאלער **פינעווער !** אנדעם, וואלט איך געמיינט אז איך בין א טאטאלער פאררקטער! גייענדיג צו **אכט** האט מיך געראטעוועט. איך האב מיך ממש געצווינגען אנצונעמען א לערערין פאסטן און אנגעהויבן צו בליען ווען איך האב געזען אז מיינע תלמידות קוקן עכט ארויף מיין 'מח'. דאן האב איך אנגעהויבן

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

צו פילן אז איך בין 'דא', א חלק פון די וועלט, ווען איך האב אנגעהויבן זיך אויפצופירן מיט א פעסטער אנטשלאסענער אופן, כאטשיג איך האב טאקע געהאט צייטן ווען איך בין צוריק געפאלן צו די שרעקעדיגער, 'מציאת נפרד'יגער' באטראכטענדיגער, באאבאכטענדיגער מלאך, האב איך זיך בארואיגט, וויסענדיג אז דאס איז די פרייז וואס א פינעווער מוז צאלן פאר זיין ספעציעלער מתנה." ביטע אויב ס'איז אייך נישט שווער הערה'נן, חידוד ה'ניקס' די בעסטע זאך.

**פינעווער'ס ענדזשויען צו פארברענגען אין לערנן מיט זייערע קינדער. און זיך נאפרעגן וואו זייערע קינדער האלטן אין עסק התורה וכן אולי בדברי חול.**

ביישפיל :מיין מאן איז אן ערשט קלאסיגער אידיאלער פינעווער. ער קען זיך אויסשליסן פון זיינע הרגשים כדי אויפצוקומען צו א ריכטיגער און נגיעות'דיגער באשלוס, למשל ,אויב דארף ער אסאך מאל זיך מאכן ווי כאילו ער איז ברוגז כדי צו שטעלן א קינד אויפן ריכטיגן וועג, איז עס נאר פון אויבן אויף, אבער ער קען רעדן אויף א רואיגן צוריקגעהאלטענעם אופן. ער לאזט נישט אז זיינען פערזענליכע געפילן זאל האבן איהם באאיינדרוקן, געווענליך אבער קוועלט ער בעיקר פון זיצן און לערנן מיט יעדעס קינד באזונדער."

אויב זענען זיי וויניגער ווי אידיאל, זענען פינעווער'ס נוטה צו **איגנארירן די קינדער מיט וועם זיי קענען נישט האבן שייכות 'אינטעלעקטועלי'**. און לאזן זיי פילן ווי נאכגעלעסיגט און אפגעשטויסן. זיי האבן אזא אינטערעס צו טראכטן אז נאר זייער 'שכל' האט א ווערד און זענען נישט דאנקבאר אויף די אנדערע ארטיסטישע באצויבערנדע חלקים פון מענטשליכע צוזאמשטעל .

ביישפיל: " איך קום פון א משפחה מיט גרויסע תלמידי חכמים. אונזער וועלט איז געווען א **פינעווער** וועלט. געלעבט און געאטעמט תורה, גאונות איז געווען די איינציגעסטע זאך וואס האט געהאט א חשיבות. איין מינוט וואס מ'האט נישט געלערנט איז געווען 'פארברענגט די צייט'. ווען איך בין געווארן אז איינער פון מיינער קינדער האבן א לערנונג פראבלעם. האב איך דאס נישט געקענט אראפשלינגען. איך האב איהם פרובירט שטופן צו לערנן, אבער ער איז פון דעם געווארן נאר מער דעפרעסט און צוריקגעצויגן, זאגענדיג אז ער איז א טאטאלער דורכפאל און אז ער וויל שטארבן. דעמאלסט האב איך געכאפט אז איך האלט אין איין געבן א מעסעדזש 'איינער וואס לערנט נישט איז גארנישט ווערד' (לכאורה מיינט עס ארויסצוברענגען איינער וואס האט געוואלט מ'זאל לערנן אגאנצן טאג וכדו') איך האב עס נישט געדארפט זאגן, ער האט עס אומבאוואוסטזיניג אויפגעכאפט אומגעזאגטערהייט. דא האב איך געהאט אסאך ארבעט סיי מיט מיר און סיי צו פאררעכטן מיין קינד. א טערעפיסט האט מיר אויסגעלערנט צו שעצן מיין קינד אלץ א יודיש קינד וואס קען האבן אויסערגעווענליכע גוטע מידות און טון מעשים טובים, און אנצוקוקן יעדער מענטש אלץ א ווערדפולע זאך, אפילו אויב זיי זענען נישט טיפזיניג"

ביישפיל: " אלץ א פינעווער בעלת תורה, **בין איך מודה אז מיט קליינע קינדער איז 'לאנגוויייליג',** שמועסן מיט אנדערע מאמעס אין די פארק איך אויך נישט פאר מיר. ווען איך טו שטוב ארבעט הער איך תורה טעיפס. איך האב אפילו געעפענט א דעי קער סענטער. אבער איך בין געווארן זייער שנעל 'באארד' און די קינדער זענען געווען עלענד. צום סוף, האב איך באקומען

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

א לערערין פאסטן, צו טיטשען עלטערע תלמידות, וואס האט מיר געגעבן לומדות'דיגער סיפוק וואס איך דארף אזוי. וויבאלד מיינע קינדער זענען געווארן עלטער, איך האב זיי שוין מער ענדזשויעט ווייל מ'האט שוין געקענט רעדן דברי תורה (השגות פון א פרוי נישט געוואוסט אז ס'דא פינעווער אשת חיל'ס) ס'איז א **פינעווער** היים, מיינע קינדער באקומען נישט 'פענסי' עסן אדער קליידער, אבער זענען פרייליך מיט די רוחניות'דיגער און תורה'דיגע דערגרייכונגען."

פינעווער'ס זענען צומאל אזוי אינטעליגענט אז מענטשן וועלן נישט כאפן אז זיי זענען צומאל אויך זייער אומזיכער. זיי פילן 'ברור' נאר מיט איין זאך - זייער אייגענע מחשבות. מענטשן זענען אומאויסערעכנבאר און פאר דעם זענען זיי אומקאנטראלירבאר (דהיינו וויבאלד איך ווייס נישט וואס יענער גייט טון, איז יענער אינדרויסן פון מיין קאנטראל) און פאר אן אנגעצויגענער פינעווער , אומקאנטראלירבאר טייטש סכנה'דיג. די עצה וואס זיי טוען כדי צו מאכן ווייניגער זייער אנגעצויגענקייט איז דורך זיך אפטיילן פון זייערע געפילן ,ווערענדיג מיסטעריעז, און נפרד'יג.

**פינעווערס באציען זיך צו דער וועלט ווי כאילו ס'וואלט געווען א שארפן גרעניץ אפגעטיילט צווישן זייער אינערליכער וועלט און די דרויסענדיגער וועלט.** <u>יעדע זאך ווערט צעשניטן אין אריינגעשטאכן אין צוויי פונדעמענטאלע נודלן קישעלער</u>. די באהאוונטע און די נישט באהאוונטע, די סכנה'דיגע און די באשיצטע, זיי אליין און די איבעריגע מענטשהייט. זיי זענען זייער פארזיכטיג וועם זיי גיבן רשות כניסה אריינצוקומען אין זייער געמאכטע "זיכערהייט ארט". מערסטענס מענטשן ווערן אריינגעשטעלט אין די דרויסענדיגער וועלט, אריינגערעכנט נאנטע פאמילע מיטגלידער און סתם פריינד פון די באס סטאפ וכדומה, און זיי האלטן אן אן אומזעהבארער וואנט ארום זיי, כדי צו באשיצן זייער אינערליכער 'ספעיס' פון אטאקירט ווערן.

ביישפיל: "איך האב קיינמאל נישט געזאגט די ווארט 'איך וויל' צו מיין עזר. למשל, נעכטן האט זי מיר געזאגט עפעס וועגן דעם אז איך היס און מיין נאז רינט. איך האב געוואלט זי זאל מיר קאכן טשיקן זופ ,אבער איך האב איר דאך נישט געוואלט בעטן דירעקט, איך האב געוואלט זי זאל עס מאכן פון זיך אליין, **איך וויל נישט בעטן קיינמאל פון קיינעם גארנישט** (זיי האבן מורא צו האבן קאנפליקטס מיט אנדערע. אויב האבן זיי נישט קאנפליקטס קומט יענער נישט אריין אין זייער ספעיס. נישט זיך טועה זיין מיט א ניינער,)."

ווייל פינעווער און פירער'ס זענען פילזייטיגע טייפ'ס. (דהיינו אמאל זעהסטו אז זיי זענען דאס און שפעטער זעהסטו זיי זענען דאס, און גייט דורך א שטיקל צייט און זעהסט זיי זענען גאר דאס, און אפילו אין די זעלבע צייט קען מען אויך זעהן אויף זיי פארשידענע זייטן)
**האבן זיי מער ווי נארמאל אינערליכע קאנפליקט'ס.** זייער רצון צו זיין אפגעהאקט פון געפילן איז אין קאנפליקט מיט זייער רצון פאר נאנטקייט. זייער אידיאליזם (ס'מיינט אז יעדע זאך וואס מ'טוט זאל מען טון אויפן אידיאלסטן אופן) איז אין קריג מיט זייער נאטורליכן פעסימיזם און צינישקייט, זייער רצון פאר ענווה איז אין מלחמה מיט זייער גאווה וואס זיי פילן ביי זיך, וויסענדיג אז זיי זענען קלוגער ווי מייסטענס מענטשן. אבער אנדערש ווי פירער'ס, טוען פינעווערס איינפרירן זייערע הרגשים כדי צו פילן מער אין קאנטראל.

ביישפיל: "ווען איך האב געליינט וועגן די 'אומגעזונטע פינעווערס', בין איך געווארן אביסל

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

באזארגט ,ווייל איך האב גראד באמערקט און געכאפט אז צומאל האב איך אזא געוואוינהייט צו זיין קאלט. איך האב מורא געהאט אז מיטן מודה זיין אז איך האב די מידה, וועל איך זיך נישט קענען שלאגן דערמיט און וויאזוי וועל איך עס בייקומען, איך וועל בלייבן סתם אנטבלויזט. אבער טאמער איך וועל זיך מאכן כאילו איך ווייס נישט דערפון ,דאמאלסט קען איך האלטן אז ס'עקזיסטירט נישט כלל. אבער נאך אפאר טעג, האב איך איינגעזעהן אז איך דארף נישט זיין פארכאפט אין א נעגעטיוון ספעיס, איך קען פשוט שטרעבן צו זיין די מערסטע פאזיטיוו נושא בעול פינעווער, וואס איך קען נאר זיין. די רצון אליין האט מיך געמאכט סך רואיגער".

**איך וועל אמת'דיג אקצעפטירן דאס וואס איך בין אזוי אז איך וועל מער אקצעפטירן אנדערע, איך וועל ווייזן אז ס'גייט מיר אן אזוי וועל איך ביי אנדערע אויך אנגיין**

אזוי ווי מיטעלע איינזערס, מיטעלע פינעווער'ס קענען ווערן זייער קאנסערוואטיוו (קאנסערוואטיוו = האלט זיך צו זיינע אלטע מיינונגען) כדי צו פילן מער זיכער: "מע, ס'די זעלבע אלטע זאכן וואס איך האב שוין לאנג געוואוסט". אבער זייער שמאלקייט מאכט זיי צום סוף אומזיכערער, וויבאלד זיי פארלירן שייכות מיט נייער אינפארמאציע אין זייער פעלד. אדער דארט ווי זיי דארפן עפעס טוישן אויף בעסער.

ביישפיל: "פאר איך האב פארשטאנען מיין פינעווער אומזיכערקייט, **האב איך געהאלטן אז יעדעס מחשבה מיינס איז ריכטיג**, איך האב געמוזט מיטגיין מיט יעדע איידיע ווייל איך האב נישט געקענט פארטראגען די ענקזייעטי פון אפשלאגען מיין אייגענע אינערליכער מציאת, אויב איך קען נישט געטרויען מיין געדאנק, אויב איך קען נישט געטרויען מיין מהלך המחשבה, וואס קען איך יא געטרויען? אויב א מחשבה האט זיך פארוואנדעט אין מיינע געדאנקען אז איך דארף עפעס טון, האב איך געפילט אז איך מוז עס טון. איך האב צעבראכן די געוווּאוינהייט נאר דעמאלסט ווען איך האב איינמאל פרובירט נישט צו טון וואס מיינע געדאנקען דיקטירן מיך צו טון און איינגעזעהן אז ס'געשעהט באמת גארנישט. האב איך געזעהן אז איך מוז נישט גלייבן יעדע מחשבה, יעדע שיטה, יעדע סברא, וואס קומט אריין אין מיינע געדאנקען. אז ס'איז נאריש צו טראכטן אז יעדע מחשבה מוז האבן א ווערד ,דאן האב איך אנגעהויבן צו שטייגן - ווען איך האב אפגעטיילט סתם מחשבות פון אמת'דיגע און אנגעהויבן משפט'ן מיינע געדאנקען צו זעהן צו זיי שטומען טאקע מיט די אביעקטיוו ריאליטי". (דהיינו די ראליטי אפגעלערנט אזוי ווי ס'איז ,אן אריינמישן פערזענליכע נגיעות)

די אלע זאכן קענען ווערן גענוצט ווי א שבת בעל.

**איך האב די ענווה צו איינזעהן אז נישט אלע מיינע מסקנות זענען קארעקט, אז איך זאל עס דורכרעדן מיט אנדערע**

פינעווערס ווי מיר ווייסן שוין באווייזן זיך קאלט און קליניקל (מסתם מיינט עס אזוי אומגעפיליש ווי ביי א קליניק .(-: )

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

**זיי זענען אויסערגעווענליכע שארפע אבזערווירער'ס אויף זאכן און אויף מענטשן אין זייער סביבה .**

<u>אנדערש ווי פירער'ס, קענען זיי אבזערווירן אן ווערן איבערגענומען מיט געפילן פון די מצב .</u>

(דא האסטו א חילוק צווישן פירער'ס און פינעווער'ס)

ווייל זייער געפילישער וועלט איז נישט-נארמאל צעדריקט און אפגעהאלטן, קענען זיי בלייבן רואיג און 'אנאליטיקעל' אפילו בשעת עקסטרעם אנגעצויגענע מצבים ,

דאס איז זייער גוט פאר א דאקטער אין אן עמערדזשענסי רום, אדער א לויער אונטער אטאק אין א בית משפט .

אבער ס'קען זיין קאטאסטראפאל אויב ס'ווערט גענוצט בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו.

(בקיצור פון די אויבנדערמאנטע זעהט מען אז פינעווער'ס זאלן זיין געזונט און שטארק ,קענען אויך זיין רואיג און קאלט אונטער אנגעשטרענגטע אומשטענדען. מ'מוז נישט זיין דערפאר א דרייער, אדער אן אכטער, זיך צו האלטן רואיג, פינעווער'ס זעהט אויס קענען מער טון אין שלום בית וכדו' פשוט ווייל זיי ווערן נישט אזוי איבערגענומען, אבער אויף דרייערס זעהט זיך גארנישט אן, בשעת אויף פינעווער'ס קען מען באמערקען מיט א גענויט אויג אז זיי האלטן זיך איין)

**פינעווערס האבן אזא געוואוינהייט צו פאר'שכל'ן זייערע געפילן, אנשטאט עס עכט פילן.**

**זייער עיקר קשר איז צו וויסן, נישט מענטשן און נישט זאכן.**

אידיאלע פינעווער'ס זענען צוגעבינדען צו די באדערפענישן און געפילן פון אנדערע, און נישט ווייל זיי פילן יענעמ'ס ווייטאג, **נאר ווייל זיי ווייסן יענעמ'ס ווייטאג ,פון א שכל'דיגן בליק,** פון אן אינטעלעקטואלן קוק ווינקל ווייסן זיי אז מ'דארף אויהערן יענעמ'ס ווייטאג און מ'דארף זיין רחמנות'דיג און גוט צו יעדעם און בפרט צו ליידענדע.

**אין א געוויסן זין קען מען זאגן אז פינעווער'ס פילן מיט זייער קאפ, אנשטאט מיט די הארץ**.

פונקט אזוי באגייסטערט ווי דער 'אידיאלער פינעווער 'קען מאכן מיט זיינע מאטריאל, זיינע נושאים, אזוי טריקן און קאלט און לאנגווייליג קענען 'מיטעלע פינעווער'ס 'שיעורים זיין.

ביישפיל פון א פירער וואס איז געגאנגען צו א שיעור פון זייער א טריקענעם פינעווער ,און נאך אביסל ארויסגעשפרינגען פון די אן-טעם וואס ער האט געשפירט, די לעבענס-לאזער שיעור האט איהם ממש צעדריקט.

ביישפיל: " אלץ א פינעווער ,ווען איך באגעגען א מענטש וואס ווייזט געפילן און פירט זיך

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

געפיליש, קוק איך איהם אן פאר זייער נישט פאסיג, ס'ווייזט אז דער מענטש האט נישט קיין זעלבסט קאנטראל און ס'פעלט איהם א שראפל.

**איך בין שטאלץ אז איך בין שכל'דיג און רייף.**

ווען איך דערשפיר אז א געפיל קומט ארויסצוקריכן, האק איך מיך אפ דערפון, אזוי אז איך קען מיך אינגאנצן קאנצענטרירן אויף מיינע מחשבות אדער וואס איך דארף טון.

**איך וויל נישט ווערן געשטערט פון סיי וועלכע אינערליכער שטורעם.**

ווען איך זעה איינער פלאגט זיך, וויל איך אז ס'זאל זיין מיין אויסוואל צו איך זאל יא אדער נישט פילן יענעמ'ס צער. און אויב איך פיל אז ס'איז נישט סטאביל זיך צו באטייליגן, טו איך עס נישט.

זאכן זענען זייער גוט אפגעטיילט אין מיין געדאנק. איך קען אלעמאל בוחר זיין צו פילן אדער נישט צו פילן.

זייער פעאיגקייט צו קאנטראלירן זייערע מחשבות און צו קענען קאנצענטרירן אויף אן ענין אויסשליסענדיג דערביי אלעס און אלעמען איז זייער נויטיג צו פינעווער'ס.

סיי וועלכע פארזוך זיי צו שטופן צו טראכטן פון אנדערע זאכן וועט נישט נארמאל פארמערן זייער עקשנות.

(יעצט פארשטיי איך שוין, און דא זאל עס ווערן דאקומענטירט. שטייט א פינעווער און איז ביזי מיט עפעס, ס'קען אפילו זיין אז ער האלט אינמיטן מיך אנאלייזן און אבזערווירן באאבאכטן אזוי פון דרויסן, איך רעד צו איהם און ער איז נישטא .פיין, גוט, טראכט איך צו מיר. איך וועל מיך שוין אן עצה געבן. איך פרוביר און פרוביר צו כאפן זיין אטענשען, אבער ווי מער איך פרוביר אלץ מער ווי להכעיס איז ער פונקט איין פיס אוועק פון מיר. איין פיס אין די לופט. ווי מער איך פרוביר איהם נאנט צו ברענגן אלץ לענגער ארבעט ער אין די בעקראונד .אמאל פלעג איך אוועקגיין מיט... היינט פארשטיי איך עס שוין. לאז איהם ענדיגן טראכטן ווייל ער וועט טאקע אויף להכעיס זיך עקשנ'ן צו בלייבן דארט ווי ער וויל זיין, וווי צו זאגן "דו גייסט מיר נישט קאנטראלירן, ביסט נאריש?, איך בין א פינעווער, איך קאנטראל מיין מח")

ביישפיל: "מיין מאן איז א פינעווער אבער מיט א שטארקן פירער פליגעל. אזוי אז ער פארזארגט מיך און פארברענגט צייט צו קאמיוניקירן.

אבער פלוצים וועט ער זיך איינפעקלען און אריין מופן אין זיין 'הייל.'

אמאל פלעג איך ווערן גערעגט, אבער וואס מיינט איר, דאס האט איהם געמאכט זיך אריינצוגליטשן טיפער, אויב אבער איך האב עס נישט אנגענומען אז ער מיינט מיך, און ווייטער אנגעגאנגען מיט מיין ביזנעס, איז ער צום סוף צוריקגעקומען".

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

ביישפיל: "איך האב אלעמאל געוואלט זיין אין קאנטראל, וואס האט מיר שווער געמאכט צו 'רילעקסן' צווישן מענטשן.

לאזן זאכן גיין וויאזוי ס'וויל גיין, טאקע דאס איז די זאך וואס מיר פינעווער'ס האבן די מערסטע מורא.

איך האב אלעמאל געווען פארזיכטיג און אכטונג געגעבן קיינער זאל זיך נישט אריינכאפן אין מיין אינערליכער 'ספעיס' אפילו מיט נאנטע.

ווייל איך האב מורא געהאט אויב וועט זיך אויפהערן די נאנטקייט, זאל איך נישט נאכאמאל דארפן זיין איבערוועלטיגט מיט צער און טרויער אזוי ווי אמאל, און דאן וועל איך נישט קענען קאנטראלירן וואס איך טראכט און פיל.

**די עולם הספרים איז אסאך מאר פלאנירבאר און סטאביל.**

מיט די יארן, האב איך איינגעזעהן אז איך בין געפרוירן געפיליש, אז מיין געפילישער וועלטל איז טויט.

און אזוי האט זיך גוט געפילט, ביז מיין 'ביתי' האט געמאנט איך זאל גיין צו א טערעפיסט.

זי האט מיר געזאגט אז זי קען מער נישט לעבן מיט מיין געפילישער סיביר.

מיין אומפעאיגקייט צו אמת'דיג לעבן בשלום מיט מיין 'בית' איז געווען מיין אומפעאיגקייט צו לעבן בשלום מיט מיר אליין .

ס'האט גענומען אסאך ארבעט מיך ארויסצושלעפן פון מיין שעל, <u>ווייל איך האב געמיינט אז זייענדיג אין די שעל איז די איינציגסטע עצה צו זיין באשוצט".</u>

**פינעווער'ס האבן אויך א נייגונג צו אינטעלעקטואלייזן אנדערעמ'ס געפילן.**

ביישפייל: "איך האב טרענירט א גרופ פון פרויען צו ווערן קאונסלערס פאר א קריזיס האט ליין.

איינע פון די פרויען איז געווען זייער א קלוגען פינעווער.

זי האט ליב געהאט צו אנאליזירן מענטשן סתם פאר נייגעריגקייט, און נישט ווייל זי האט זיך עכט געזארגט.

ווען אימער איינער האט זיך אויסגערעדט, האט זי שנעל איבערגעהאקט **מיט טיפע אינטעלעקטועל אבזערווירונגען דרשות,** און עס איבערגעגעבן אויף זייער א קאלטן אנאליטיש

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

אופן.

איר קענטעניס וואלט ווען געווען פאסיג ביי א דרשה אין א זאל, אבער נישט ווען ס'איז ארויפגעצווינגען אויף איינעם וואס האט פרובירט זיך אויסצורעדן פארווייטאגטע געפילן פון א טראומע.

קענטעניס איז געווען די מיטל פאר איר, צו אויסמעקן ווייטאג.

ס'איז שווער געווען איר איבערצוצייגן אז איר צוגאנג איז אומפאסיג, וויבאלד אירע אייגענע געפילן זענען אויך געווען פאר איר, אזוי אומדערגרייכבאר".

אסאך פינעווער פילן "אינעם עבר", ווען זיי זענען אליין און זיי וועלן נישט ווערן דאן איבערגעוועלטיגט אדער באליידיגט פון זייערע געפילן

ביישפיל: "**ס'איז נישט אז איך פיל נישט.**

**איך פיל יא, אבער איך וויל ענדערש פילן ווען קיינער איז נישט ארום מיר, צו באמערקען.**

דעמאלסט, ווען איך בין אליין, קען איך מסדר זיין זאכן און אויספיגערן וואס איך פיל באמת.

איך גיי דורך דעם טאג און דערמאן זיך אלעס וואס מ'האט גערעדט און דאן קען איך פילן די מצבים אדער די געפילן וואס איך האב מיך נישט דעמאלסט געקענט ערלויבן צו פילן זייענדיג צווישן מענטשן.

**פאקטיש, פיל איך סך מער פארבינדן מיט מענטשן ווען איך בין נישט מיט זיי.**

כאטש **אידיאלע פינעווערס** זארגן זיך צו גיין אנגעטוהן ווי עס פאסט. וועלן זיי ענדערש לייגן ווי וויניגער אטענשען מעגליך צו זייער פיזישער סביבה.

די געדאנקן וועלט איז זיי אזוי ציענד אז זיי געבן מינאמאלער אטענשען זיך צו האלטן געזונט און אנדערע פאקטן פון לעבן. אזוי ווי פינאנץ וכדו.'

איבערפרישן און פארעכטן די דירה ווערט אלעמאל אפגעשטופט אויף שפעטער.

פינעווער'ס קענען זיין אזוי אומענדפינדלעך אז ארומיגע ווערן געצוואונגען צו "טעלעגראף באציאונגען", ווי זיי האבן בערך צוואנציג סקונדען צו באקומען דעם פינעווערס אויפמערקזאמקייט, און זאגן שנעל וואס זיי האבן צו זאגן .

אזוי אז משפחה מיטגלידער וועלן אראפשטעלן שטרענגע באגרעניצונגען אין פה אל פה דיבורים דורך פרובירן צו נוצן זאצן פון פינף ווערטער אדער וויניגער, אדער קאמיוניקירן נאר דורך געשריבענע נאונט'ס

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

(א מיטעלער פינעווער וואלט זיך מחי' געווען מיט אן אשכול נאר ערלויבט פינף ווערטער אין דערהיים(

ביישפיל: "איך האב נישט געכאפט ווי סעלפיש איך בין ביז איך האב געליינט די עניאגראם .
ווען איך בין געווען מיט מענטשן, האב איך אויסגעקוקט לאנגווייליג אדער געקוקט אגאנצן צייט אויף מיין זייגער (היינט מיין סעלפאון.(

איך האב געמיינט אז איך בין שיין צו מענטשן, ווייל וואס איך האב עכט געוואלט טון איז זיך אנרופן עפעס א טשעפע צו מאכן זיי זאלן מיך צורו לאזן.
מיין סוד איז געווען זיך צו מאכן תמ'יש, א אומדירעקטער מעסעדזש וואס איך האב גענוצט זיי צו אפצעהאלטן פון מיך שטערן.

ס'איז געווען א באוואוסטזיניגעם טאקטיק אין מיין מלחמה פאר פריוואטקייט.

איך האב געוואלט זיך אויסוועלן ווען און וואו צו זיין מיט מענטשן, און אויך פאר ווילאנג.

ווען איך האב נישט געוואלט מ'זאל זיך אין מיר אריינדרונגען, האב איך מיך אפגעשיידט פון די וועלט.

מיין משפחה איז געווען א טפל צו מיין לערנן.

אזוי בין איך געווען, געלערנט תורה, וואס האט מיר געלערנט די וויכטיגקייט פון טון חסד, אבער איך האב עס נישט יסודית'דיג פראקטיצירט.

פאקטיש בין איך געווען שטאלץ מיט מיין מעגליכקייט צו אויסלעשן די וועלט און אויסלעשן מענטשן פון מיין וועלט.

נאכן ליינען די עניאגראם, האב איך איינגעזעהן אז מיין קאלטקייט איז אייגענטליך א יצר הרע צו איזאלירן, און די דאזיגער איזאלירונג איז געווען די גרעסטער שטער צו מיין נשמה.

יעצט צווינג איך מיך צו ווייזן אן עכטער זארג וואס אנדערע טראכטן און פילן. (אויפן פאזיטיוון אספעקט(

דאס אן עכטער מערכה."

**איך שעץ מיך אלץ א מענטש מיט מיטגעפיל און אמפאטיע, איך וועל זיך נישט האלטן גרויס אז איך בין קאלט**

אנדערע :**מיטעלע פינעווער'ס** האבן מורא ווען דו בעסט זיי צעהן מינוט פון זייער טאג, אז דו וועסט צום סוף דארפן צעהן שעה, אדער נאכדעם פאדערן פון זיי צעהן מינוט יעדן טאג.

<u>זאג זיי צי אז אז דו וועסט זיין צעפרידן מיט וויפיל זיי וועלן דיר געבן.</u>

ווען זיי וועלן דיר געטרויען אז דו פאדערסט נישט מיט כח, וועלן זיי דיר געבן מער בחפץ לב.

ביישפיל" :מיין מאנ'ס פעאיגקייט זיך אפצוטשעפן פון די וועלט און זיך קאנצענטרירן אויף זיין לערנן האט איהם געמאכט דאס וואס ער איז. איך שעץ זיין גאונות און איך בין שטאלץ מיט איהם. איך מאך

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

מערסטענס החלטות אויף מיין אייגענעם פלייצע און האלט מיינע געפילן ביי מיר.

איך שטעל מיר פאר אז השי"ת האט געוואלט איך זאל ווערן שטארק און אומאפהענגיג, האט ער מיר געגעבן א **פינעווער** מאן וואס לאזט מיך נישט זיין אנגעלענט אויף איהם".

פינעווערס האבן אפט הייקעלע געזונט צושטאנד (?).

אומבאוואוסטזיניג ,וועלן זיי זיך נישט גוט פילן כדי צו באקומען די פלעגונג וואס זיי קענען נישט בעטן דירעקט, אין געהיים געניסן זיי פון האבן איינעם שטיין העכער זיי און מאכן ספעציעלע געקעכטס.

ווען זיי פילן זיך נישט גוט, פילן זיי נישט דעם לחץ צו לערנן יעדן סקונדע, און דאס גיט זיי אויך א תירוץ צו שמועסן אדער טון אנדערע זאכן וואס זיי האבן געוואלט טון אן זיך פילן שלעכט דערמיט.

**דאקטורים**

אסאך דאקטערס זענען פינעווער'ס. אידיאלע פינעווער'ס זענען אידיאליסטיש און ווילן העלפן מענטשן. זייער פיר פליגל מאכט זיי עמפאטיש (מיטגעפיליש) און זייער זעקס פליגעל מאכט זיי באגלייבט און איבערגעגעבן פאר זייערע פאציענטן.

זיי האבן ליב מעדעצין ווייל זייער אינטעלעקטועל נייגעריגקייט ווערט גע'סיפוק'ט, מיט די אנגייענדע שוועריקייטן וואס מ'דארף לעזן וועלכע די פעלד פון מעדעצין שטעלט צו.

אבער, זייער שטארקע **פינעווער'ס** וועלן אפט פארמיידן פאקטישער פיזישער קאנטאקט מיט פאציענטן, און זיי ווילן ענדערש פסיכיאטריע אדער טיטשן.

מיטעלע **פינעווער** דאקטערס זענען קאלט, באנעמן זיך מיט זייערע פאציענטן ווי כאילו זיי זענען בלויזע אביעקטן צו ווערן שטודירט און געהיילט.

זיי קענען ווערן גערעגט אויב א פאציענט פרעגט אינפארמאציע וועגן זייער מצב אדער אויב א צווייטע מיינונג ווערט געפרעגט.

ביישפיל: "איך בין מודה אז איך בין געווען גאנץ א קאלטער פינעווער דאקטער.

ביז לעצטענ'ס ווען איך אליין בין געווארן ל"ע נישט געזונט האב איך ערשט פארשטאנען די באליידיגונגען, די פחדים און די איינזאמקייט וואס מיינע פאציענטן זענען דורך.

ווען איך בין ב"ה צוריקגעקומען צו מיין ארבעט, בין איך געווארן סך מער מיטפילענד.

פלוצים, האב איך באמערקט ווי אומעמפינדלעך מערסטענס דאקטורים זענען .

איך האב צאמגעשטעלט א ספעציעלן שיעור אויסצולערנן עמפינדליכקייט פאר די שטאב

**איך וועל נוצן מיין פאנטאזיע צו טראכטן וויאזוי וואלט איך געוואלט מ'זאל מיך באהאנדלן אויב איך**

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

**וואלט געווען די פאציענט. וואספארא אינפארמאציע וואלט איך געוואלט האבן? יעדע פיזישע מחלה אפעקטירט מענטשן פסיכאלאגיש אויך .ווארעמקייט און זארג איז אויך וויכטיג אין די היילונג פראצעס**

**מיטעלע פינעווער'ס** זענען נישט איינגעווארצלט אין די ממשות'דיגע ערפארונגען פון זייער לעבן . ס'איז נישט זייער פאסירונגען וואס זיי לעבן מיט, אזוי ווייט ווי די אייגענע אבזערוואציעס וואס פיטערט זייער פרוכטבארערע געדאנק) .**למשל סוף טאג ווען זיי וועלן פארציילן זייער טאג, פארציילן זיי 'זייערע אבזערוואציעס' פונעם טאג. נישט די ממש'דיגע ערפארונגען אזוי ווי יעדער מענטש)**

ווען זיי גייען אראפ זיי ווערן ווייניגער אידיאל און מער און מער אומגעזונט שפירן די **פינעווער'ס** אלץ מער און מער די חילוק צווישן זייער אייגן געבויטן אינערליכן געדאנקען וועלט און די וועלט "וואס ס'לעבט זיך אינדרויסן "אנקוקענדיג די וועלט ווי א סכנות'דיגער קאמפלעקס. און אלץ אוממעגליך צו קאנטראלירן אדער פארשטיין.

האבענדיג געליטן 'אביוז' פון זייערע נאנטע, אומגעזונטע פינעווער'ס קוקן אן די סביבה זייערע אלץ אומאויסרעכנבאר (דהיינו נישט וויסן פאראויס וואס מענטשן וועלן טון) און געפארפול. פילענדיג אין א געפאר, ציען זיי זיך איין אין זייער אייגענעם געדאנק ,**אויפבויענדיג טעאריעס וואס האבן געווענליך נישט קיין שום שייכות מיט 'מציאות** 'אזוי אז צום סוף ווערט אינגאנצן אפגעהאקט זייער שייכות מיט די 'מציאות.'

בעת אידיאלע פינעווער'ס זענען אויסערגעווענליכע באבאכטער'ס אויף וואס ס'גייט פאר ארום זיי , **אומגעזונטע פינעווער'ס זענען ממש די היפוך** ,די אנדערער עקסטרעם. אזוי איזאלירט פון די ריאליטעט אז אפט ווערן זיי ללעג ולקלס פארן זייערע 'פאני' מיינונגען און שטוינענדע אויפירונגען.

אנדערע: נעם נישט אן ווי דיין דורכפאל אויב ס'איז דיר נישט געלונגען ארויסצונעמען א פינעווער פון זיין שעל.
באשולדיג דיך נישט פארן נישט זיין גענוג קלוג אדער ווערד צו באקומען זייער אטענשען.
זייער 'התבדלות' איז נישט דיין שולד .
זיי זענען געווארן אזוי פראגראמירט פון קליינווייז אן צו טרעפן 'געפילישער איינציערייי' אלץ א איבערלעבער מיטל

**אונגעזונטע פינעווער'ס** פילן אז זייער קוועלער זענען **באגרעניצט** און דערפאר מוזן זיי זיך באשיצן פון ווערן **אויסגעליידיגט**.
זיי זארגן זיך אז זיי וועלן נישט האבן גענוג געלט, גענוג ענערגיע, אינפארמאציע, צייט, און כח.
מיט זייער 'מענטאליטעט מאנגעל", פילן זיי זיך ארעם, אפילו זיי האבן גענוג געלט.
מיט דעם אלעם וועלן זיי אויסגעבן געלט אויף יעדע זאך וואס וועט זיי צוגעבן אינפארמאציע ווי ביכער, קאמפיוטער'ס, רעדן שמועסן און פארברענגן מיט אנדערע צו באקומען אינפארמאציע , **אדער אויב ס'וועט זיי ברענגען פריוואטקייט.**

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

ווי זיי גייען אראפ, ווערן פינעווער'ס **מער איזאלירט**. איין תירוץ וואס זיי געבן זיך איז אז מענטשן זענען לאנגווייליג. זייער גרינגשעצונג מאכט קאמיוניקירן מיט זיי ווייטאגליך, ווי זיי מאכן אוועק אנדערעמ'ס איידיעס אלץ נישט ווערד אנצוהייבן דערמיט.

זיי ווערן קריגעריש אדער אויפגערעגט אויב מ'צווינגט זיי זיך צובאציען.

נישט געזונטע פינעווער'ס פארמיידן א קלאפ אין ריקן נישט ווייל זיי האבן פיינט זייער קערפער (ווי אומגעזונטע איינזער'ס) נאר ווייל פיזישער אקטיוויטעטן מישט זיך אריין אין מח אקטיוויטעטן.

)לכאורה קען מען זיי זעהן טאנצן אליין, אומאנגעכאפט, זיי האבן נישט ליב צו טאנצן(,

**זיי זוכן פריוואטקייט.**

זיי זענען צופרידן מיט די מינימאלסטע פיזישער אדער געפילישער נאנטקייט.
<u>איבערטוישן אפאר שנעלע זאצן איבערן וואך אדער איבערן חודש קוקט אויס, פאר זיי</u>, ווי" **צופיל געדערט"**

ביישפיל: ווען מיין צוועלעף יעריג אינגעל איז געווען אין האספיטעל, האט מיין מאן, -זייער א 'אינטראווערטעד' פינעווער, (אינטראווערטעד = (בערך) שטילע מענטשן) -האט וואלענטירט צו זיין מיט איהם איבער שבת, איך האב געהאפט אז דאסמאל ווען זיי וועלן זיין צוזאמען איז א שאנס אז עס וועט זיי אויף עפעס אן אופן פארבינדען געפיליש. ווייל ער האט קיינמאל נישט פארברענגט מיט דעם קינד, וואס איז זייער א סענסיטיוו, אינטעליגענטער, פירער, אבער אן דעם 'גמרא קאפ' פון אן עכטער פינעוו .
גראד מוצאי שבת, בין איך געלאפן צו די האספיטעל און געפרעגט מיין יונגעל "טאטי האט גערעדט מיט דיר". אויסקוקענדיג נידערגעשלאגן, האט ער געזאגט, "טאטי איז געווען אגאנץ שבת אינדרויסן אין די האל, און געלערנט.
איך וואלט שוין געדארפט וויסן נאך די אלע יארן אז אזא גרויסער טויש וועט נישט אזוי שנעל פארקומען.
איך האב פרובירט מסביר צו זיין מיין יונגעל אז "ווייל טאטי'ס מאמע איז נפטר געווארן ווען ער איז געווען קליין, ווייסט ער נישט וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט מענטשן, אבער ס'האט אונז נאך אלץ זייער וויי געטון אז ער האט געקענט זיין זעקס און צוואנציג שעה נעבן זיין קינד און נישט רעדן צו איהם".

זיי קענען אויך זיין קארג מיט אינפארמאציע: **א מיטעלער פינעווער דאקטער** קען געבן קורץ געשניטענע ענטפערס פאר שאלות, אן געבן די חיזוק וואס א פאציענט דארף, ווי למשל נישט מסביר זיין די זייטן ווירקונגען פון מעדעצינען אדער די נאכווירקונגען פון אן אפעראציע.

**אומגעזונטע פינעווער'ס** וועלן אפשר אפילו נישט געבן קריטישע אינפארמאציע פאר פאציענטן, און קענען אפילו ווערן ברוגז אויב זיי ווערן געשטופט צו געבן סיי וועלכע אינפארמאציע

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

ביישפיל: "פאר מיין אפעראציע, האב איך געפרעגט מיין דאקטער אויב ס'דא סיי וועלכער סייד עפעקטס צו די מעדיקעשען וואס ער געט מיר.
ער האט אזוי אונטער די נאז גענטפערט, ניין!. אבער ס'איז יא געווען געציילטע זייטן-ווירקונגען.
וועלכע איך האב אנטדעקט נאר דורכ'ן רעדן מיט די פארמאסיסט. פאר די אפעראציע.
איך האב געפרעגט מיין דאקטער אויב איך גיי האבן עפעס ווייטאג נאכדעם און ער האט געזאגט, 'ס'קען זיין אז ס'וועט זיין לייכטע אומבאקוועמליכקייט,.
אבער ,**איך האב מיך איבערגעדרייט פאר יסורים!**
איך האב מיך געלערנט א לעקציע.
איך האב אנערקענט מיין באדערפעניש פאר ווארעמקייט,
און נאכגעגאנגען צו טרעפן דאקטורים וואס קענען געבן חיזוק און ארויסווייזן זארג".

**עפעס ווען זייער שטארק** דערשרעקט א פינעווער, ווייל ס'ברענגט ארויס אז דער מענטש אדער די זאך וואס ער דארף האט א געוויסע כח העכער איהם.
איז, פינעווער'ס **שטאלצירן זיך אז זיי ווילן גארנישט און זיי דארפן גארנישט** ווייל ס'מאכט זיי פילן זיכער. באשוצט און אומאפהענגיג.
דע גדר פון מסתפק במועט קען ווערן אפגעלערנט אויף אסאך וועגן.
די "מועט" ביי אן אומגעזונטער פינעווער ליגט הארט ביים גרעניץ פון **גארנישט**.
**זיי קענען טראכטן אז אפאר הארטע שטיקלעך אלטע ברויט קען צופרידן שטעלן יעדעם** ,ווייל זיי זענען שטאלץ אז ס'קען זיי צופרידנשטעלן

)אין די משנה שטייט טאקע פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה, אסאך פשטים, אבער דאס נישט אז יעדער קען זיך באגיין נאר מיט דעם(

אומגעזונטע פינעווער'ס קענען ווערן עקסטרעמע חשדנים, און פילן אין א געפאר ווען מענטשן פאדערן פון זיי סיי וועלכע זאך.
זייער פחד פון ווערן קאנטראלירט דורך די וואס ווערן צו נאנט צו זיי מאכט אז זיי זאלן באבאכטן אנדערע בכוונה, צו קענען פארמיידן סיי וועלכע אינוואזיע אין זייער ספעיס.
א געבעט פאר הילף פון א בן זוג אדער עלטערן קען אנצינדן אן אינערליכער אלארעם: "אויב איך ווער צו נאנט, וועט זי טראכטן אז זי קען מיך שטערן ווען אימער זי וויל.
אויב וועל איך געבן אן אינטש, וועט זי נעמען א פיס.
און דאן וועט זי זיין דער וואס איז אין קאנטראל".
**די פחד פון ווערן קאנטראלירט מאכט זיי זייער מיסטעריעז.**

**איינזאמקייט איז מיין פיינט, איך וועל מיך נישט אפהאקן. און וועל יא גיין און מיטטיילן מיינע ידיעות מיט אנדערע.**
**אויב נישט, וועל איך ווערן חשדנות'דיג, און וועל מצדיק זיין מיין חשדות דורכן טרעפן אלע מינים הוכחות אז אנדערע פאלגן מיך נאך מיך צו שעדיגן. וועלכער וועט גורם זיין איך זאל זיך נאך מער באהאלטן**

ביישפיל: "מיין מאן האט יארן געארבעט מיט צוויי קאלעגן אין א קליינעם לאבאראטאריע. און ער

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

האט זיי נאך קיינמאל גארנישט פארציילט וועגן זיין פערזענליכן לעבן, זיי האבן אפילו נישט געוואוסט אז ער האט קינדער

)דא האסטו נאך א חילוק צווישן א פירער און א פינעווער, א פירער וועט אלעס אלעס אלעס רעדן נאך דערצו אויב מיינט ער פאר א מינוט אז צו וועם ער רעדט איז זיין נאנטסטע חבר, אזוי קלער איך(,

אומגעזונטע פינעווער'ס פילן אז ס'טוט ווי צו געבן, זיי ווילן נישט טוישן זייערע קליידער כסדר אדער אנדערע זאכן **צו פארמיידן צו אויסנוצן צופיל וואסער אדער עלעקטריק.**

**אומגעזונטע פינעווער'ס** ,קארגען מיט געפילן. זיי שטאלצירן זיך אז זיי זענען סודות'פול און פארביסן ,**זיי צו מאכן רעדן איז ווי ארויס שלעפן א ציין.**
און זיי ווילן אויך נישט אוועק געבן פון זייער צייט אויסצוהערן אנדערע .
זיי האבן מורא צו ווערן צו ווערן באהאפטען צו איינעם, ווייל זיי האבן מורא אז זיי וועלן פארלירן זייער אומאפהענגיגקייט און ווערן אויסגענוצט ביי די וואס וועלן בעטן זייער אטענשען, געלט, און הילף.

א סך בן זוגליידן מער פון די *געפילן איזאלירטקייט* ווי אנדערע.

ביישפיל: "ווען איך טראכט פון אונזער שלום בית, זעה איך פארמאכטע טירן. אין אנפאנג ווען איך האב געזען ווי ווייט ער מאכט זיך נישט צו טון פון מיין אנוועזענהייט האב איך געפילט פאווייטאגט אין אפגעשטויסן
ביידע פון מיינע עלטערן זענען געווען ווארעמע צווייערס, איז ס'איז געווען שווער צו ווערן צוגעוואוינט צו זיין נישט-האבן-צייט-צו-מיר.
ס'איז געווען אזא שווערער מלחמה איהם צו מאכן רעדן אז צום סוף האב איך פשוט אויפגעגעבן.
איך האב געפילט אזוי אליין אז איך האב פשוט געוואלט שטארבן.
ביז ווען איך האב געליינט דעם עניאגראם, האב איך געמיינט אז דירעקט מאכט ער זיך נישט וואוסענדיג פון די זאכן וואס איז מיר לעבנסוויכטיג ווי - זיך זארגן, ווארעמקייט, געטריישאפט.
יעצט פארשטיי איך שוין די נאטור פון 'פינעווער'ס.'
איך האב געכאפט אז זיין 'נחבא אל הכלים' איז נישט פאר דוקא.
ער וויל נישט זיין א חלק פון די פיזישער מציאות.
א סך אשת חיל קענען לעבן אנעם עמאציאנאלער ווארעמקייט, אבער איך האב מיר געפילט זייער, זייער אליין".

ביישפיל: "באלד נאך אונזער חתונה, בין איך געווען דערשטוינט אז ער קען לעבן אזא פרישות'דיגער לעבן.
ער האט געגעסן זייער ווייניג און קיינמאל נישט געבעטן עפעס ניי.
אויב מ'האט געדארפט פאררעכטן אדער קויפן עפעס . האב איך עס אליין געטון, ווייל איך האב איהם נישט געוואלט אוועק נעמען פון לערנן.
ווען אונזער טעלעפאן איז געווארן אפגעהאקט ווייל מ'האט נישט באצאלט, האט ער געזאגט,

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

'אונז דארף מיר סיי ווי נישט קיין טעלעפאון.
ווען מ'האט אויסגעלאשן די סטים, האט ער פשוט איינגעוויקעלט אין מער סוועטער'ס.
אבער נאך אלץ בין איך זייער שטאלץ מיט אונזער מהלך החיים.
**אלץ אן 'איינזער' דארף איך אויך כמעט גארנישט.**

ביישפיל: "איך בין געווען ארום פיר פינף יאר אלט ווען איך האב צום ערשט באמערקט אז מיין פינעווער שוועסטער דארף 'ספעיס.'
זי האט מיר געזאגט איך זאל קיינמאל נישט אנרירן אירע זאכן אדער גיין צו נאנט צו איר בעט, אפילו **נישט אטעמען איר לופט.**
איך האב דעמאלסט נישט געטראכט אז ס'איז אומנארמאל, איך האב איר פארהייליגט ווייל איך האב אפגעלערנט איר **קאלטקייט אלץ שטארקייט.**
יעצט ווייס איך שוין אז זי איז זייער נישט אין ארדענונג.
זי האט אויך געהאט אבערגלויבונגען וועלכע האבן בארעכטיגט איר איזאלירונג און איר אומפעאיגקייט זיך צו באהעפטן צו מענטשן
זי נעמט ניטאמאל ארום אירע קינדער".

**איזאלירונג:**
ווען פינעווער'ס ווערן מער און מער אראפ, זענען זיי מאמין אין זייער אייגענעם **פאראנויד פאנטאזיעס**.
זיי פארלירן זייער גאנצער פעאיגקייט צו מאכן קשר מיט מענטשן, ווערענדיג ווי אוטיסטיש און אומדערגרייכבאר.
גאר שטארקע ניוראטיש (=עפעס א קאנדישען) פינעווער'ס האבן שוועריגקייטן צו שלאפן און אפילו צו רוען ווייל זיי קענען זיך נישט אפרייסן פון זייער **איבעראקטיווען געדאנק.**
און דעריבער ווערן זיי **פיזיש אויסגעשעפט** .וועלכער ווערט שטערקער מיט זייער נטי' צו זיין פיזיש האקל.
די איינציגעסטער זאך וואס האלט זיי אפ פון זיין פיזיש געוואלטאטיג איז זייער פחד אריינצוגיין אין א קאנפליקט מיט אנדערע.
איז זיי ברענען אינעווייניג, קאכנדיג אפגעפרעגטע פאנטאזיעס, זיכערנדיג אז אנדערע פלאנירן פארשידענע פלענער זיי צו כאפן.

**סייענס פיקציע אלץ ריאליטי**
<u>אידיאלע פינעווער'ס</u> זענען **עקסטרעמליך שעפעריש און דמיונ'פול.**
זיי זעהן **"א מציאות** "דארט ווי אנדערע זעען **גארנישט**
איין וועג וואס זיי האבן צו איבן זייער אימעדזשינעשען איז דורכ'ן ליינען אדער שרייבן 'סייענס פיקשן'. (= למשל אז די וועלט איז פיל מיט ראובאט'ס און קיינער דארף נישט ארבעטן, מ'וואוינט אויף מאדים, גוט הא.)
אידאלע פינעווערס ווייסן אוודאי אז די מעשיות זענען אויפגעבאקן.
אבער, ווען זיי גליטשן זיך אראפ דעם מעסטער-וואג, ווערט די שטריך וואס טיילט אפ מציאות פון דמיון פארשוועמט.

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

זיי הייבן אן צו טראכטן" **אויב איך קען עס טראכטן מוז עס זיין אמת."**

ביים ערגסטען, סייענס פיקציע ווערט א מציאות,
**אלייען'ס פון די פלאנעטן, אויגן וועלכע קענען הרג'ן מיט איין בליק, רוחות וואס רעדן פון הונטער דיביימער, (דמיון) ווערן געהעריג עכט פאר זיי.**
**זיי זענען איבערצייגט אז מענטשן אדער זאכן קענען שיקן מעסעדזשעס.**
ביי אזא מצב, די קלענסטע באמערקונג באשטעטיגט אז דאס קינד, בן זוג, קרוב, אדער מיט ארבעטער, מיינט ערענסט זיי צו שיקן אין **גן עדן...**

דער פרעמדער אויפן גאס וואס קומט צו זיין ריכטונג איז א שפיאן אדער א באהאלטענער פאליציאנט **וואס קומט איהם ארעסטירן.**

)פון דא זעהט מען קלאר אז 'פחד' און חששות מוז נישט ווייזן אויף 6 ,**ס'קען ווייזן אויף גאר אומגעזונטע פינעווער** .די חילוק איז נאר אז א 6 טוט דערצו **אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר** ,אבער דער פינעווער באהאלט זיך פשוט מער. אזוי מיין איך, כן יש לומר והשם הטוב ישפיע עלינו רחמים גמורים וחסדים גלויים, והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם(

איך וועל נישט פאוקעסן מיט אנגסט אויף וואס ס'געשעט אין די דרויסענדע סביבה ווי ס'איז דראענדיג אדער א געפאר, טראכטענדיג אז ס'דא "אומזעהבארע מציאות'ן" הונטער די בושעס אדער אין די ביימער.

ביישפיל: "ווען מיין מאן איז נערוועז, שיסט ער פיינטליכע שטראלן, און ווערט איבער-קריטיש.
ער גייט ארום די הויז ווי א וואנזיניגער, שרייענדיג אז פאר דוקא נוצן מיר אויס זיין געלט און זיין לעקטער, און אז מ'קען אונז נישט געטרויען.
ער וועט זיך איינשפארן אין זיין שטוב פאר שעה'ן, און דערנאך נישט רעדן ווען ער קומט ארויס.
ער זעצט זיך אראפ ביים טיש מיט א פינסטערן פיינטליכן שטילקייט.
נאכדעם ווען די מוד גייט אוועק, קומט ער צוריק צו זיך און איז שיין צו אונז פאר אפאר שעה אדער טעג, ביז די קומענדע אטאקע פון נערוועזקייט, ווען ער הייבט אונז אן נאכאמאל צו באשימפן".

ס'איז טרויעריג, אז אומגעזונטע פינעווערס כאפן נישט אז די סיבה וואס זיי פילן אזוי פארפיינטעד און פאר'קרבן'ט ביי יעדעם איז נאר **ווייל זיי האבן אזויפיל גע'דמיונ'ט און אזויפיל גע'חשד'נט אז אנדערע האבן זיי פיינט, ביז זיי פילן עס אין אלע זייערע ביינער**.

וויבאלד זיי האבן פארברענגט זייער לעבן באשטעטיגענדיג זייער אייגענע איידיעס און געגלייבט אז זיי זענען אין באריר מיט א גרעסער מציאות ווי די איבריגער מענטשהייט ,**ס'איז אוממעגליך זיי איבערצוצייגן אז זיי זענען אומגערעכט און פאלש.**

**פאר זיי צו טראכטן "קען זיין איך בין קרום נאר מיט איין פאקט" איז ערשרעקענד ווייל,**
**"אויב איך בין נישט ריכטיג מיט די איין זאך, מיינט עס אז איך קען זיין אומגערעכט מיט**

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

**יעדע זאך.**
**אויב איך קען מיך נישט אינגאנצן פארלאזן און געטרייען מיין אייגענעם געדאנק, דאן קען איך קיינעם נישט געטרויען".**

**פארמייד די פאלשע פארגלייבטקייט:**

איך קען נישט פילן זיכער ווילאנג איך ווייס נאכנישט אלעס

איך קען אלעס וויסן פון די מציאות.

די איינציגסטע זאך וואס געט פאר א מענטש א ווערד איז די צאל פון ידיעות וואס ער האט .
**גארנישט איז נישט קיין חילוק נאר אינטעלעקטועלע שארפקייט.**

צו געוואר ווערן פאקטן איז פאר זיך זייער א גוטער זאך. קיינער פארשטייט מיך סיי ווי נישט, איז די בעסטע זאך צו האלטן מיין אינפארמאציע ביי מיר.

איך קען נישט מיך און נישט מיינע איידיעס אויסדריקן פאר פחד אז אנדערע וועלן טראכטן איך בין נאריש.

די וועלט איז א סכנה'דיגער פלאץ. אויב איך וועל וויסן גענוג זאכן, דעמאלסט וועט מיך גארנישט דראען אדער מיך איבערוועלטיגן. און דאמאלסט וועל איך זיין פארזיכערט.

ווען איך וועל באקומען גענוג פאקטן, וועל איך האבן אבסאלוט זיכערקייט. און וועל מער קיינמאל שפירן אומסטאביל אדער אומזיכער.

צו זיין זיכער מיינט נישט פילן

**א פינעווער מיט א פירער פליגער**
די שטריכן פון א פינעווער **זענען אין קאנפליקט** מיט די פון א פירער.
פינעווער'ס זענען שכלנים, אוועקלויפענדיג פון זיין אריינגעמישט.
**זיי האבן מורא פון זייערע געפילן,**
בעת א פירער נעמט אלעס אריין אין זיך כדי צו **פארשארפערן זייערע געפילן.**
פון דעסטוועגן'די צאמשטעל פון די צוויי אויב **געזונטערהייט** ,שטעלט אהער א געוואלדיגע רייכער 'סובטייפ.'
ערשאפענדיג מענטשן וואס זענען ארויסשטייענד ארטיסטיש (=ארטיסטיש מיינט נישט דוקא איינער וואס מאלנט, ס'מיינט איינער וואס איז שעפעריש אין זיך אויסדרוקען) און מיט אינטעלעקטועל דערגרייכונגן

אידיאלע מענטשן אין די דאזיגער סובטייפ שטעלט אהער א צאמשטעל פון גאונ'ישער שארפקייט, עמפינדלעך און א **אינטואיטיוו געפיל פעאיגקייט**)אינטואיטיוו=אן אינסטינקט צו דערשפירן וואס

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

ס'גייט פאר און וואס מ'דארף טון אן האבן אריינגעטראכט די נושא) מיט א הויכן גראד פון 'פאקטן' וויסענשאפט.
זיי ווערן צוגעצויגן צו מיסטיק.

זייער אינטואיטיוו פעאיגקייטן **גיט ארויס די פינק וואס קען דענאך ווערן ענטוויקעלט מיט 'פאקטן' אינפארמאציע.**
פינעווער'ס מיט א פירער פליגאלע זענען סך מער פערזענליך און געפיליש ווי פינעווער' מיט א זעקסער פליגעל.

מענטשן וואס זענען **אינמיטן אין די 'סובטייפ** 'זענען נוטה זיך אפצוטשעפען פון זייער סביבה, ווייל זיי זענען איינגעזאפט אין זייער מחשבה און ווי אויך אין זייערע געפילן.
זיי זענען נוטה צו זיין **געפיליש, דעליקאט, מודי, און איבער-עמפינדלער.**
זיי ווילן האלטן מענטשן נאנט צו די האנט ווייל זייער זעלבסט-שאץ איז שוואך, און זיי האבן מורא צו ווערן קריטיקירט, וועלן אפט צוריק-אטאקירן מיט אומפאסיגער שטארקייט.(דהיינו פאר א קליינע טשעפע גיבן זיי צוריק אזוי אין באבענס באבן אריין(
**די איינגעזאלצנקייט פון די פיר פארשטערקערט די התבודדות נטי' פון די פינעוו.**
קענען זיך קאנצענטרירן פאר שעות ארוכות אויף זייערע איידיעס, אבער פילן אויך געפיליש אנטבלויזט (דהיינו די געפילן האבן נישט דעם פאנצער וואס אנדערע האבן איז ס'ווערט שנעל געטוישט(

**אומגעזונטע מענטשן אין די 'סובטייפ** 'זענען מער אויסגעשטעלט צו **דעפרעסיע און אגרעסיווער אימפולס**) טון א זאך אן טראכטן פאר דעם מיינט' אימפולס'. טון אזאך נישט דורכגעטראכט און געלאסן מיינט 'אגרעסיוו.('
אומגעזונטע פירער'ס און פינעווער'ס פילן אז די לעבן איז אומדערטרעגליך.
ביידע פילן אז זיי זעען צו פיל.
זיי ווערן ציניש (ציניש= חשדנות'דיג) און פילן **האפענונגסלאז און הילפלאז** ,אראפגעשטופט דורך זייער מעניק מח, פונקט ווי פירער'ס ווערן אראפגעשטופט דורך זייער איבערגעוועלטיגטע מעכטיגע געפילן.
פירערס וואלטן זיך געוואונטשן אז זייערע געפילן זאלן האבן א סוויטש ,**פינעווער'ס וואלטן זיך געוואונטשן אז זייער געדאנק זאל האבן א סוויטש.**
זעלבסט פיינטשאפט און זעלבסט איזאלירונג, זיי פייניגן די געפילן און געוואלדטאטיג און שטעלט אן עכטער געפאר פאר יעדעם וואס לעבט און ארבעט מיט זיי.

**פינעווער מיט א זעקס פליגעל:**
די איזאלירונג און פאראנאיע פון די פינעוו און זעקס **פארשטארקט איינס דעם צווייטן** ,מאכענדיג די טייפ די שווערסטע פון אלעם זיך די באציאונגען מיט זיי.

**אידיאל מענטשן אין די 'סובטייפ** 'זענען פארפליכטעט צו זייערע פאמיליעס און אין זייערע גלויבונג סיסטעם (א סעט פון גלויבונגען וואס שטעלט צוזאם א פארטיי, אדער להבדיל א חסידות, ועוד(

טייפ די פינעווער
השם הטוב יתן שיצא מתחת ידינו קידוש שמו

**פעסטע ארבעטערס און ווען בלייבן געטריי צו זייערע פאמיליע מיטגלידער. בעת זיי וועלן טון וואס זיי דארפן אין זייער א באגלייבטער אופן.**
[b]**ס'נעמט א שטיק צייט ווילאנג מ'קען זיי**, און איינמאל דו ווערסט פארפליכטעט אין זייער אינערליכער רינג, **וועסטו ווערן געטעסטעט און אויספרובירט נאכאמאל און נאכאמאל צו זען צו די ביסט טאקע אמת'דיג געטריי**[/b].

**מיטעלע מענטשן אין די סובטייפ** זענען אויסערגעווענליך **אומענדפינדלעך צו זייער אייגענע געפילן ווי אויך די געפילן פון אנדערע.**
זיי זענען זייער ווייניג אויפמערקזאם צו די ענין פון 'חברה' (זיין אויפמערקזאם אז ס'דא אזא זאך ווי א חברה פון מענטשן און וויאזוי זיי לעבן צוזאמען, וויאזוי מ'איז א מיטגליג און אזוי ווייטער,) (סאציאלע אויפמערקזאמקייט) און זענען נוטה צו זיין סאציאל אומפעאיג (ווייסן נישט געהעריג וויאזוי צו זיין א מיטגליד וכו'), אומגעטרוי און אין נישט דאהי
**אומגעזונטע פינעווערס מיט א זעקסער פליגעל** זענען זייער חשדנות'דיג, פחד'פול פון נאנטשאפט, און איזאלירט.
זיי ליידן פון **טיפע געפילן פון מינדערווייכטיגקייט**. און פילן פארפאלגט.
זיי זענען איבערצייגט אז לעבן איז מיינונגסלאז און אז זיי זענען פארפיינטעט, נישט כאפענדיג אז מיטן אפשטויסן פון זיך יעדע נאנשאפט, האבן זיי זיך דאס אליין גורם געווען.

אונטערשטע שורה:

דיין ציהל איז צאמצושטעלן טראכטן מיט טון,
צו מאכן די וועלט ווייניגער דראענדיג דורכ'ן אויספירן די אויפגאבעס וואס מאכן דיך פילן זיכער און מאכטפול
איזאליר דיך נישט.
טרעף עפעס א וועג צו טיילן דיין חכמה מיט אנדערע
אפילו אויב דאס מיינט מאכן **דיינע אייזיעס פלאטשיג**
דיין גאנג זיך צאמצושטעלן (אינטערגרעטינג) איז מיט די אכט:
דורכ'ן טון מיט זיכערקייט און געבן פאר אנדערע, וועט דיין איינגעבוירענע מתנה פון ארגינעלקייט, תוכן, און פארשטאנדיגקייט בליען.

פארשטיי אז דיין ראציאנאלע געדאנק קען קיינמאל נישט ארייננעמען אלעס פון די מציאות, אויף דער וועלט איז קיינמאל נישט מעגליך צו זיין אינגאנצן זיכער
אזוי ווי יעדן איינעם, האסטו אויך מינוטן פון שוואכקייט און אומזיכערקייט.
די אויפמערקזאמקייט וועט דיר העלפן זיך צו באציען צו אנדערע מיט מער מיטגעפיל און ווארעמקייט.